STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06258

VAYZERS

Martin Birnboym

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווייזערס

מאַרטין בירנבוים

(צייכנונג: יאָסל קאָטלער)

פאַרלאַג „סיגנאַל“ באַם פּראָלעטפּען
נויאָרק, 1934

לילין געוידמעט

Copyright 1934
by Martin Birnbaum
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
8 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.

ס׳איז די בענקשאַפט געשטאָרבן

עי, שטעטל, פּאַרטאיעטס, פּאַרמוטשעטס,
עי, שטעטל, אין פּוילישן טאָל,
ווי טיף האָט מיין בענקשאַפט געוואָרצלט
צו דיר, צו דיין גראָקייט אמאָל.

דיין אומעט פּלעגט זיין מיין דערנערער,
דורך יאָרן פון אינגלישן פּיין — —
ס׳האָט נישט איינמאָל דער איינזאמער ציילעם
אַף דיין לאָנקע געהערט מיין געוויין.

געווען דעמאָלט ציטן פון אומרו,
פון טויט־שרעק אין יעטווידן הויז; — —
האָט זיך צעבליט — מיט טרערן באַגאָסן — —
מיין ליבע — א דאָרפישע רויז.

און שפּעטער אַף באַנען און וואַנדער
דורך יאָרן פון וואָגלען אין פרעמד,
האָסטו געוואונקען פון ווייטנס, געמאַניעט —
און פון בענקשאַפט מיין אָטעם פאַרקלעמט.

ס׳פּלעגט דיין בייסאווילעם מיר קומען צו כאָלעם
מיט זיין שטילקייט אַף בארגיקער הויך;
אין שלאָף פון גויאישע כאַטעם
פלעגט מאַניען פאַרקישעפטער רויך.

ביזט טאָמיד געווען מיין באַגלייטער,
עי, שטעטל, דאָרט בא דער „טשערוואָנע",
ביז כ'האָב זיך באַהעפט מיט פאַבריקן,
מיט גרויסשטאָט און פלאַמיקע פאָנען.

ביז כ'האָב זיך באַהעפט מיט די קלאַנגען
פון קייטן, וואָס פאַלן צעריסן
פון הענט געמאַזאָליעטע, שווערע —
פון קייטן מיט ציינער צעביסן —

און איצט איז די בענקשאפט צערונען
אין רוימען ווי נעפּל פארשוואונדן;
איך ניאַנטשע שוין מער נישט מיין אומעט —
ס'איז ליכטיק מיין וועג און צעצונדן.

בין איך איצט מיט אַ לעבן פאַרקאָוועט,
וואָס ברעכט אַלטע פאַרזשאַווערטע גראַטעס —
אַ לעבן א הײם, א צעשטורעמטס,
וואָס שלאָגט זיך מיט אייגענע טאַטעס!

פאַרגעסן דער שטילער בייס־אוילעם,
די צווײ ליכטיקע, מיידלשע אויגן,
ס'האָט מיך גרויסשטאָט אצינד און פאַבריקן
אין קאַראַהאָד אין דעם רויטן פאַרצויגן!

עי, שטעטל, פאַרטאַיעטס, פאַרמוטשעטס,
עי, שטעטל, אין פוילישן טאָל,
מיין בענקשאַפט צו דיר איז געשטאָרבן
ביי די קלאַנגען פון אייזן און שטאָל.

אַ נאַכט אַזאַ

גערווידמעט מיין פֿאָטער

איך געדענק אַ נאַכט אַזאַ,
אַ ווינטער־נאַכט מיט פֿראָסט און שניי,
מיט קאַנאָנען־בליץ, פֿאָדקאָווע־קלאַפּ
און ווייט־פֿאַרשטיקטן פּאַכעד־געשריי.

ס'האָט טויט אין אָט־דער נאַכט געשפּרייזט
איבער פֿעלדער, מיט בלוטיק־צעשטשערבעטער קאָסע.
פֿון לייבער וואַרעמע, וואָס ער האָט געשניטן
האָט געקאַפּעט אָ רויטע, אַ וואַרעמע ראָסע.

אין שטוב ביי אונז אַ דערשראָקענער קאַנעך
האָט אין אַ ווינקל פֿאַרציטערט געברענט
און מיט פֿאַנטאַסטישע שאָטן־געשפּענסטער
באַלעבט די פּוסטע, צעשפּרונגענע ווענט.

די מאַמע איז אַ בלייכע ביים טישל געזעסן
מיט בלאָ־ווייסן שטערן, די אויגן פֿאַרמאַכט;
ביים קראַנקן־בעט פֿון מיין עלטערן ברודער
איז געשטאַנען דער טאַטע און פֿאַראומערט געטראַכט.

און מיר, די קינדער, ביי הרובע פֿאַרקילטער,
האָבן ארויסגעהאָרכט צו דער אומרו פֿון נאַכט.
ס'האָט געדרייט זיך דער ברודער אין בעט און געוואָרפֿן
און מאָדנע פֿון פּיבער גערעדט און געלאַכט.

ס'האָבן הינט און שראַפּנעלן איבערן דערפל געוואָיעט
און בעהיימע־געוועזן האָט זיך געריסן פון שטאַלן;
ביי יעדן ברום פון קאַנאָן האָבן שויבן געציטערט,
זיינען אָקאָרשט די ווענט איבער קעפּ איינגעפאלן.

ביי יעדן ברום פון קאַנאָן האָבן זיך אויגן צעפּראַלט
און בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן. — — —
— — — — — — — — — — — — — —
און טויט אפן פעלד האָט געשטשירעט די ציין
און פריילעך געשניטן זיין קאָרן.

אַמאָל און היינט

איז שטיל און פּוסט דאָ ביים ברעג,
נאָר כוואַליעס קייקלען זיך מיד
און דער ווינט — דער אייביקער אומרו —
פּייפט זיך פאַרהאַלטן אַ ליד.

זיץ איך ביים ברעג דאָ ביים קילן,
טראַכט פון אינגלישע, האַלב־פאַרגעסענע צייטן,
פון יענע קינדערישע טרומיען, וואָס וויאַנען,
ווי נאָך ערשטן אָסיען־שטורעם שפּעט־צעבליטע בלומען־בייטן.

אַמאָל האָב איך געכאָלעמט פונם יאַרדן,
פונם קאַרמעל אונם האַר־האַזייסים.
האָב געכאָלעמט פון א נייעם לעבן
אַף די קוואָרים פון יאָרטויזנט־אַלטע מייסים.

איצטער ווייס איך, אז אַף יענע קוואָרים
קאָן א נייער לעבן אונז ניט בליען,
אז די זעלבע אלטע קייטן, ווייס איך,
וואָלטן דאָרט צו דר'ערד אונז ציען.

קוק איך איצטער אַף די כוואליעס
און בענק נאָך יענע שטורעם־ווינטן,
וואָס וועלן בייטשן, — רייסן קויכעס
פון די פאַרבאָרגנסטע אָפּגרונטן. —

איצטער ווייס איך פֿון אָרקאַנען אָט־אַזוינע,
וואָס וועלן ווי א ווילדע סרייפֿע, קאָנטינענטן שלינגען!
און שוין לאַנג פֿאַרגעסן זיינען יענע יאַרדן־לידער,
וואָס איך פֿלעג אַמאָל מיט אומעט קינדערישן זינגען.

בין איך איינער היינט פֿון יענעם כאָר דעם ברייטן,
וואָס הילכט מיט קלאַנגען פֿון א נייעם גלויבן;
וואָס ברענגט אַף יונגע פֿייער־פֿליגל
ליכט אין אַלע בלינדע שויבן. —

ווייזערס

שאָען, האָס־געשוואָלענע,
אומענדלעכע,
שלעפּן זיך אין פאַבריק.
וואַרפן זיך העגט מעשונעדיק־ווילד,
טאַנצן פינגער אונטער לויערנדיקן בליק.

שאַרן זיך צוויי כמורנע ווייזערס,
ווי שטומע וועכטער ביי אַ וואנט.
קוקט מיר איינער אין די אויגן
און דער צווייטער היט מיין האַנט.

שניידן זיך אריין מינוטן,
ווי שאַרפע בייטשן אין מיין הויט,
ווערט פון רוקן־ביין אַ בויגן —
פאַרגיסן אויגן זיך מיט רויט.

— און די ווייזערס היטן, מאָנען —
זיינען טריי דעם באַלעבאָס:
ווילסטו בלייבן ביי מאַשין —
טאָ יאָג אָן, יאָג אָן די מאָס!

טאַנצן פינגער שנעלער, שנעלער!
קרימט זיך רוקן טיפער נאָך.
און די ווייזערס, גרויזאם־קאַלטע,
ציילן, ציילן יעדן שטאָך!

ווייזערס! —
שטומע וועכטער! —
שאַרן ביסטרע זיך ביים וואַנט.
קוקט מיר איינער אין די אויגן,
און דער צווייטער היט מיין האַנט!

גרייט

ד׳אָפּערדיק ציטערט איצט וועלט,
בייט איר פאַרבלייכטן קאָליר.
ס׳האָט פּלוצים אַ ליכט אויפגעהעלט
ביי יעדער שטום-טונקעלער טיר.

האָפּערדיק ציטערט איצט וועלט,
יעדער נערוו פון פיבער צערירט.
קאָנטינענטן אַף שפּיצפינגער צעשטעלט,
האָבן אייגענעם פולס-קלאַפּ דערשפּירט.

שפּרייט זיך ווי זוניקער בלענד,
אַן אָנזאָג דורך לענג און דורך ברייט —
איז פון אונטער פאַרכווישעכטע ווענט,
צערווישט זיך וואולקאַנישע פרייד.

איז אַף יעדן בלוט-געמיסטיקטן פעלד,
בליען פויסטן — האַרטע ווי שטיין.
ציטערט איצט האָפּערדיק וועלט —
גרייט אונטער מעסער צו גיין.

צו אַ סאַפּיסט

ס'כוואַליעט פאַר דיין טיר די צייט;
מיט קלוגע זשעסטן וועסטו נישט בייקומען דאָס לעבן.
די טיפסטע טיף פון מענטשן־מין —
מוזטו אַליין פון טיפסטן מענטשן־יאַם דיר הויבן.

האָסט א ווייב און קאָלערליי מין ביכער.
און אַלצדינג, זאָגסטו, ווייסטו שוין פון לאַנג.
און די שענסטע זאַך אין לעבן, זאָגסטו,
איז דער אייגענער, געשליפענער געדאַנק.

איז כויזעקסטו זיך כּאָכמעדיק פון וועלט —
באַהאַלטן צווישן וואַרעמע פיר ווענט —
דיין טקופע אָבער, ברודער, קענסטו נישט!
דיין אייגן קינד אַפילע איז דיר פרעמד.

איז וואָס, אז דו האָסט זיך מיט שטאָלץ געפּאַנצערט. —
סיידוי שענקט די צייט דיר נישט קיין בליק.
אַלץ, וואָס דו האָסט גאַיוועדיק געשאַפן —
זאָג, ווען ברענגט עס גליק?!

ס'מוז דיין שוויים זיך ערשט מיט ברודער־שוויים פאַרמישן
און דערפילן מוזטו פון דעם אַרום די שאַרפע פּיין.
ווען ס'וועט דיין פּולס אין ריטם קלאַפּן מיט דער צייט —
דעמאָלט, עפשער, ברודער, וועסטו קלוגער זיין. —

פרימאָרגן אין סאָבוויי

וואַקלען קערפּערס שלאָפע
זיך צום רעדער־טאַקט,
און פינגער, ווי פליגן אף שויבן,
דראַפּען זיך,
בלאָנדזשען, אָנהאַלט זוכנדיק, דורך לופט.

וויעס מידע קלעפּן זיך
פון נעכטיקע און אייערנעכטיקע
ניט דערשלאָפענע נעכט,
און צעשוואומענקייט פון וואַרעמע געלעגערס
ליגט אויסגעשפּרייט אף פאַרכווישעכטע געזיכטער.
קעפּ פאַרהאָרעוועטע הוידען זיך
אין זיצנדיקן דרימל,
הענגען טעמפּ נאָכגעלאָזטע צווישן אַקסלען
און, ווי ביי שלאָפנדיקע פערד,
רייסן זיי צו דר׳ערד זיך פאַראַקשנט.

אין דלאָניעס, וואָגיקע און גרינגע,
ציטערן פרישע צייטונג־בלעטער,
און עס אַמפּערן זיך אויגן
מיט די שוואַרצע, טאַנצנדיקע שורעס.
אַ טיפער, ברייטער גענעץ
פאַרשלינגט מיריאַדן דריבנע אויסיעס
און לאָזט זיי ליגן
אומפאַרדייטע
אין אַ ווינקל ערגעץ
פונם דרימלענדיקן מויעך.

נאָוועמבער

ס׳בייטשט שוין מיט אימפּעט נאָוועמבער
אַטלאַנטישע כוואַליעס צום שטורעם;
מיט האַרבסטיקע בלעטער ווי פליטער,
באַרעגנט ער שטאָטישע טורעמס.

שטעט זיינען פייכט און פאַרדראָזשעט
און גראָ הענגט דער צינענער הימל.
די כמאַרעס ארום די קופּאָלן —
ווי טונקעלע פלאַכטעס פון שימל.

דאַכלאָזע וויקלען נאָך ענגער
אין טראַנטעס פאַרפרוירענע גלידער;
טיפער עס שניידן זיך קאַרבן
אַף פינצטערע שטערנס פון ברידער.

בלאָנדזשען פאַרביטערט אַף גאַסן
נישטערנדיק־הונגעריקע טאַטעס:
וואו נעמט מען אַ ווארעמען ביסן?
וואו אַ פּאָר וואַרעמע שמאַטעס?!

און ווינט אין צעיושעטן אימפּעט
פּאָכעט מיט אייזיקן פעכער,
יאָגט ווי אַ פינצטערע בסורע
איבער וויסטע, צעלעכערטע דעכער.

ווען אַרום גאָרגל פון לאַנד באַלד פאַרשטייפן
ווינטער די פראָסטיקע פינגער.
איז ווער וועט אונז שיכן און קליידן,
איר „ליכטיקע", „גאָט'ס עמעסע" זינגער?!

איז ווער, איר געדולד־רעצעפטן־פאַרשרייבער,
וועט העלפן דער נויט פון מיליאָנען,
וואָס זוכן ביי פוסטע פאַבריקן
אַף הענט האָרעפּאַשנע באַלאָנים?

ס'וועלן מיט גאָט זיך גאַלאָכים באַראַטן.
ס'וועלן טרייסטן „גאָט'ס עמעסע" זינגער;
ס'וועט רוישן מיט רייד אין הייזל אין ווייסן —
און ס'וועט קיינער נישט רירן קיין פינגער!

נאָר מיר מיט געפּאַנצערטע ווילנס, —
ייזוואָס קיין קויעך אַף ערד קאָן צעמאָלן —
מיר וועלן צעטראָגן דעם פלאַקער
פון רויטע שטורעם־פאַראָלן.

פּיסקעס פון ביקסן און טפיסעס
וועלן זיך וואַרגן מיט אונזערע יאָרן,
נאָר ברענען אַלץ ליכטיקער, העלער
וועט אונזער פייער פון צאָרן!

הימלאָזע קינדער

אַלט־קלוגע אויגן;
פאַרוואָרלאָזטע קעפּ;
צעוואָרפן, פאַרפּלאָנטערט
אין גאַסן־געוועב.

הימלאָזע קינדער,
צעזייטע אַף סקווערן;
ברוק־געוויקסן;
פון פאַרשאָלטענע מאַמעס
באַגאָסן מיט טרערן.

הימלאָזע קינדער,
אונטער פּלויטן פאַרלוירן,
אונטער שטיגן צעדרייטע,
גייען אויף
אַף טרוקענע
אַספאַלטישע בייטן;
האַקסן קרומע,
וואַקסן שיפּע,
דערוויילע נאָך שטומע
אַף גאַסן צעגליטע;
וואַקסן — און בלייבן
אַף אייביק
צעבריטע.

הײמלאָזע קינדער
מיט פֿאַרשװיגענע װאונטשן,
קײנמאָל געשטילטע;
טונקעלער צוזאָג
אַף טפּיסעס פֿאַרפּילטע!
זיכערער צוזאָג
אַף ליכטיקע צײַטן
גײט אויף
מיט זײ
אַף אַספֿאַלטישע בײַטן.

אַווראַם רייזען

(צו זיין אַריינטריט אין „פאָרווערטס")

אַמאָל האָסטו געשפּילט פאַר אונז
געשפּילט אַף צאַרטע און אַף ברויזנדיקע פלייטן;
האָט דיין ליד געשלאָגן וואָרצלען
און ס'האָט אויפגעבליט פאַר דיר אַ גאָרטן
מיט אַזויפיל וואונדערלעכע, רויטע בלומען־בייטן.

דו האָסט געזונגען:
„און יעדער טאָן פון ליד זאָגט אָן —
די זון איז אויפגעגאַנגען — — — "
און דו אַליין האָסט דיינע אויגן אַצינד
מיט א „מאַנטל פון א יעזואיט" פאַרהאַנגען!

ווי אַ פאָן אין בלאָע הויכן
האָט דיין נאָמען געפלאַטערט;
האָט געוועקט און האָט דערהויבן.
איצטער איז דיין נאָמען אויסגעלאָשן,
ווי נאָך א סרייפע פאַרסאַזשעטע שויבן.

וועסטו אַצינד אַף וויסטענישן,
אַף סקאַלעס האַרטע
— דיין פאַרכאַלעשט וואָרט פאַרזייען —
קיינער וועט מיט יובל דיר אַנטקעגן קומען!
קיינעם וועט שוין איצט דיין טויטע פלייט דערפרייען!

פֿאַרטאָגיק געוויטער

ליגט ערד פֿאַרקווילט
און פֿאַרבלוטיקט,
קרימט ערד זיך
אין ווייטיק פֿון וואונדן
יאָגן זיך וועלף איבער פֿליינען,
מיט אויגן פֿון בלוט־דורשט צעצונדן.
קריכן אַף זילבערנע בייכער,
זשיפּענדיק, גיפֿטיקע שלאַנגען;
בראַזגען צעיושעטע גלאָקן,
פֿינצטערן פֿרומע געזאַנגען. —

הענגען שוואַרצע, פֿאַרטאָגיקע כמאַרעס,
צעלעכערט פֿון זונ׳ס ערשטע שפּיזן —
וואַקסן פֿון גראָען דעמער
פּלוצים אַרויס סילועטן
שטומע, שטאָלענע ריזן.
ריזן מיט פֿלאַמיקע אָרעמס
און ציין — פֿון פֿאַרשפּיצטע
סטילעטן.
און פּלוצים:
א ווייטער ברומען —
און שטילקייט פֿון פּאַר אַ געוויטער.
און ווידער:

אַ צוקן דורך ערד־לייב,
אַ בליץ —
אַ פלאַמיקער צייכן —
טוט אַ וויש איבער הימל
און וויקלט פלאַמיקע סטענגעס
ארום וועלט־ראָד'ס
צעבויגענע שפּייכן.
און א דונער־געקייקל אַ ווילדער,
צעטראָגט זיך דורך לענגען און ברייטן,
אַ ווינט־שטויס,
א שטורעם,
א ווירבל
רייסט אַראָפּ
פון ערד־קיילעך די קייטן!
און קייטן־רינגען,
ווי גליאיקע פלאָקנס,
פאַלן אַראָפּ
אַף טורעמס און גלאָקן.
און קייטן־רינגען,
פון שטורעם געביימשטע,
טאַנצן אין ווירבל
און פאַלן ווי האָגל;
און רוישן און קלינגען
פון מיזרעך ביז מאַירעוו;
און זשומען און הודיען
פון צאָפן ביז דאָרעם,
און יאָגן
און טראָגן
אַ ליכטיקע בסורע,

ברענגנעז, אף פלגיל פון דונער,
אַן אָנזאָג:

ס׳איז אונזער ניצאָכן!

נאַכט האָט פארלוירן!

שוין פריי
און צעעפנט
צום טאָגליכט די טויערן!

און האָריזאָנטן, אין רויטן פרימאָרגן געטונקעןעע,
נעמען שטראַלן
אין טוי־צעפינקלטן רעגן:
לויפט מען, באָרוויס און נאקעט, —
פון די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען און וועגן —
לויפט מען
מיט סערפן און האַמערס.
לויפט מען מיט העק און מיט רידלען.
לויפט מען
מיט קאָסעס און זעגן
דעם טאָגליכט דעם יונגן
אַנטקעגן!

דזשעני

געווידמעט דעם אָנדענק פון כאַווערטע סאָניאַ ראָזנבלאַט

כ'זע ווי עס לעשט זיך
מיין כאַווערטע דזשעני,
צאַנקט און לויכט אויף,
ווי אַ טרוקענער קנויט.
דער שטערן ווערט בלייכער,
ס'זינקען די באַקן
און גליען אין שווינדזוכט־פלאַמיקן רויט.

זי אַליין שווייגט —
רעדט מיט איר שטומען —
רעדט מיט דעם בליק, וואָס לויכט אזוי העל.
ווייסט זי שוין איצט:
די צייט איז געמאָסטן, —
ס'גייען די שאָען,
די טעג אזוי שנעל.

טרעפט אַמאָל,
און זי רעדט צו אַ כאַווער:
— אַזוי יונג, אזוי שטיל
זיך פאַרלעשן איז שווער.
ס'איז היים דאָך די צייט
פול אומרו און פיבער —
און אין אויג ביי איר פינקלט
אַ ליכטיקע טרער.

אַמאָל פלעגט מעטאַליש איר געזאַנג זיך צעקלינגען
איבער רוישיקע גאַסן,
אין ציטן פון קאַמף.
איז שווער איצטער הערן
דעם כריפּ פון איר הוסטן,
וואָס קאַרטשעט איר גוף
און בויגט אים אין קראַמף.

צו פּרי
האָט פאַבריק געכאַפּט זי אין פּאַסטקע.
זי אליין —
האָט זיך איבערגעבראָכן אין איר גלוט.
איצט גייט זי אויס,
ווי אַ שטילער פאַרנאַכט,
אין פורפורנע סטענגעס
פון אייגענעם בלוט!

ס'איז זינלאָז צו טרייסטן
און קינדיש צו וויינען.
געלאַכט פון טרייסט
וואָלט דזשעני אליין.
נאָר שווער איז מיר, שווער
צו זען ווי זי לעשט זיך,
צו זען זי ביים אָנקום פון אויפגאַנג פאַרגיין...

סאַליטאַ

ס'האָט סאַליטאַ ניט געזען
קיין פערצן פרילינגס נאָך,
שטייט זי שוין בײַם לאַנגן טיש,
אין פייכטער היץ פון וועשערײַ,
סאָרטירנדיק די בערג מיט ווײַסע, שטײַפע קאָלנערס
וואָס צעשניידן מיט די מעסער־שאַרפע קאַנטן
אירע צאַרטע,
טונקל־ברוינע פינגער.
טאַנצן אירע דינע הענטלעך
איבער הויכע קאָלנער־טורעמס,
און די שוואַרצע,
סאַמעט־ווייכע אויגן,
גלאַנווענען פאַראַקשנט זיך
צום פענסטער־פאַרמאַכטן, גראָען פענצטער,
דורך וועלכן ס'בליצט אריין
אַ שטיקל הימל־בלאָ
און רייצט זיך
מיט איר קינדעריש געמיט.
געבעטן האָט זי אמאָל מערי'ן —
די דיקע „פאָרליידי" —
וואָס וואַקלט ווי אַ קאַטשקע זיך בײַם גיין,
פון פענצטער כאָטש אַ שפּאַרע עפענען;
האָט יענע מיט א טיף־דערשראָקן פּאָנים
איר דערקלערט —
אז ניין;
מען טאָר ניט.

ס'קאָן, כאָלילע, נאָך דער ווינט
אַרויפבלאָזן
אַ שפּרענקל סאַזשע
אַף די ווייסע קאָלנער־הויפנס
און באַפלעקן זייער קלאָרקייט.
האָט סאָליטאַ אוועקגעדרייט איר ציכטיק קעפּל,
אַריינגעשלונגען
אַ פּאָר ניט־געבוירענע טרערן
און מיט צעווילדעוועטע קינדער־הענט
צעוואָרפן קאָלנערס,
יעדן נומער אַף זיין אָרט.

אין אָוונט זיצט סאָליטאַ
אַף די דרויסן־טרעפּ
פון אַ פאַרשטיקטן טענעמענט,
קוקט מיט האַלב־פאַרמאַכטע
מידע אויגן
אַרויף צו בלאַסע גרויס־שטאָט שטערן
און כאָלעמט פון דעם פישער־דאָרף דעם שטילן,
וואו ס'איז איר וויג געשטאַנען:
מיט זאַמד און קיילעכדיקע שטיינדלעך
פלעגט זי דאָרט ביים ברעג פון יאַם זיך שפּילן
און זוכן אַף די ווייטע כוואַליעס
דעם זעגל פון איר פאָטער'ס פישער־שיף.
ביינהאַשמאָשעס פלעגט זי אַף אַ קופּע
אַלטע נעצן זיצן
און האָרכן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם,
ווי עס זינגען פישער־מיידלעך

ס׳ליד פון דער פאַרשלייערטער פרינצעסין,
וואָס אַנטלויפט מיט איר געליבטן
דורך די נאַכטיקע לאַגונעס.
זי געדענקט:
איינמאָל האָט אינמיטן טאָג
אַ ווינט אַ ווילדער זיך צערעוועט,
איז די מאַמע אירע בלייך געוואָרן
און פאַר דעם בילד
פון דער מאַדאָנא
אַ דערשראָקענע זיך געצײלעמט.
שפּעטער זיינען שכנים, פישער־לייט,
אין הויז אריינגעקומען
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ,
די האָר צעשויבערט —
האָט די מאַמע ווי אַ ווילדע,
זיך צעקוויטשעט
און כאַלאָשעס אפּן דיל געפאַלן.
דערנאָכדעם פלעגט זי גאַנצע נעכט
אף די קניעס ליגן
פאַר דעם בילד פון דער מאַדאָנא,
און בעטן, ווי זי האָט געזאָגט,
פאַר איר מאַן,
סאָליטאַ׳ס פאָטער,
וואָס האָט זיך אויסגעבעט אַ קייווער
אונטער שוימענדיקע כוואַליעס. —

ס׳האָבן שווערע טעג
פון דעמאָלט אָן
אין זייער פישער־שטוב זיך איינגענורעט,

און געוואָרן קאַרג אפילע
איז אַ שטיקל טרוקן ברויט.
אַ דערשלאָגענע און שטילע
פלעגט זי אָפט ביים וואַסער זיצן
און איר טונקל קינדער־פּאָנים
וואַשן אין צעגליטע טרערן.
נאָר איינמאָל האָט מען זיי א בריוו
אין הויז געבראכט צו טראָגן
מיט רויטע זיגלען
און באַקלעפּט מיט קליינע בילדלעך:
ס'האָט די מאמע זיך געווישט די אויגן
און געזאָגט איר אז דאָס שרייבט
דער פעטער טאָני
און אז קומען הייסט ער זיי
צו אים —
אַזש אויף יענער זייט יאַם.

אַזוי באָלעמט פון איר פישער־דאָרף סאָליטא,
יעדן אָוונט נאָך דער ארבעט,
קוקנדיק מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
ארויף צו בלאַסע גרויס־שטאָט שטערן.
און באַגינען שטייט זי ווידער
אין פייכטער היץ פון וועשעריי;
און אין בערג מיט ווייסע קאָלנערס,
וואָס שטייען אויסגעשטעלט ווי פּיראַמידן,
דערטרינקט זי
יעדן טאָג אויפסניי
איר שווערן קינדערישן אומעט.

אַ טאָג

אַ טאָג גייט אויף איבער בערג.
אַ נאַכט פאַרלירט זיך אין רוים.
צעשרייט זיך א זייגער אין שטוב,
גייט אונטער אין קלאַנגען א טרוים.

אַ טאָג גייט־אויף איבער בערג.
אַ נאַכט פאַרלירט זיך אין רוים.
שלינגט איין דעם מאַינער דאָן
אַ שאַכטע — אַ שווארצער טעהאָם.

שטיין דאָן מיט אַ פיק־האַק אין האַנט;
ציטערט אַ שיין אף זיין קאָפּ.
רייסט ער שטיקער פון טונקלער וואנט;
הילכט דומפיק און שווער יעדער קלאַפּ.

קלינגט אָפּ פון יעדער זיין מאַין,
אויפשלאָג פון אייזן אף שטיין;
דערטראָגט זיך פון ערגעץ א ברום —
ווערן פּענימער ווייסער פון ציין.

טוט ערד אונטער פיס זיך אַ וויג,
פליט אַ מוירע איבער שאַכטיקע ווענט. —
לעשט אוים זיך אַ טאָג אונטער בערג,
ליגט דאָן צווישן קוילן און ברענט!

אין יענער צייט

געווידמעט מיין פאָטער

אין יענער צייט, אין יענע טעג,
ווען ס'האָט אַ וועלט נאָך בלוט געלעכצט,
אַף אַ טיף־פאַרשנייטן וועג
אַ שווערער וואָגן האָט געקרעכצט.

פערד, חי חייסער שניי אַף פעלד,
פאַרע זעצט פון הייסע פעלן;
שניידט די נאַכט מיט שאַרפער קעלט,
וויל דער ווינט דעם וועג פאַרשטעלן.

בליץ נאָך בליץ צוקט אין דער ווייט,
ציטערט דומפיק שאָס נאָך שאָס;
סקריפען רעדער, קנאַקט די בייטש,
רייסן שטילקייט — „וווישטא־ווּיאָס",

שפאַנען שטייף זיך שלייעס אָן,
קאַפעט פון די ציימלעך שוים;
לעבנס זעקס דאָ אינם קאָן —
און דער וואָגן רירט זיך קוים.

2

ס'האָט פאַסירט גאָר פּאָשעט, פּראָסט;
ס'האָט פאַסירט ווי יעדע זאַך —
ס'ווייסט דאָך יעדער וואָס עס קאָסט
צו פאַרלירן אין אַ שלאַכט...

וואָס איז בלוט און מענטש איז וואָס? —
ווען אַף שפּיל שטייט רום און מאַכט!
ארויס דער דייטש, אריין דער רוס,
אַף דערויף איז דאָך אַ שלאַכט!...

איז רויט געווען היינט דאָ די ערד —
איז זי קלאָר און ווייס אצינד;
וואָס דער טאָג האָט דאָ צעשטערט —
דעקן צו איצט נאַכט און ווינט.

איז געשמאָלצן היינט דאָס אייז
פון דעם טשערמאזש, פון דעם פּרוט —
וועלן ראָבן האָבן שפּייז,
ווערט פון וואסער ווערן בלוט.

אַף דערויף איז דאָך אַ קריג,
מענטשן האָט געגנוג דאָס לאַנד;
אַ מאַפּאָלע צי אַ זיג —
אַבי עם בליצט דאָס שווערד אין האנט.

האָט דאָס שטעטל, אַלט און שטיל,
פלוצים היינט זיך גאָר צעברענט;
האָט אין פלאקערדיקן שפּיל
זיך צעפירט דער טויט די הענט.

גאַסן שמאָלע רויט־צעפלאַמט,
פייער טאַנצט פון דאַך צו דאַך;
ווער אַ פערד האָט — איינגעשפּאַנט
און געלאָזט זיך מיטן שליאַך.

װער אַ פֿערד האָט — אײַנגעשפּאַנט!
װער עס לאָדט אַ זאַק זיך אױף;
װען אַ שטאָט גײט אױף אין בראַנד —
כאַפּ דאָס לעבן און אַנטלױף!

שנײדט זיך װאָגן שװער דורך שנײ,
הענגען װיאַשקעס לױז אין הענט;
מענטשן זעקס אין קאַלטן שטרױ
װערן פֿונעם פֿראָסט פֿאַרברענט.

3

באַצירט האָט הימל הײנט בײַנאַכט
זיך מיט בליצן רױט און שײַן;
האָט די ערד זיך װײס געמאַכט —
מעג די װעלט שױן אונטערגײן.

װײנט די מאַמע, כליפּעט קינד —
טוט דער טאַטע זיך אַ הױב.
נאָר די נאַכט איז קאַלט און בלינד
און די ערד — אַ װײַסע טױב...

איז דער מאַמע׳ס קאָל פֿאַרשטילט,
זײַנען קינדער קאַלט און שטום;
האָט אַ װאַרימקײט דערפֿילט
טאַטע פּלוצים אומעטום. —

4

פלאָנטערן זיך אַף ווייטן פלאַך,
וויאַשקעס צווישן פּיס פון פערד;
הימל איז אַ שלעכטער דאַך,
אַ קאַלטע מאַמע איז די ערד.

בלאָנדזשען פערד אליין דורך נאַכט,
הענגען גריוועס שטייף פון פראָסט;
צו פאַרלירן אין א שלאַכט —
ס'ווייסט דאָך יעדער וואָס עס קאָסט.

רויט האָט היינט די שטאָט געברענט,
ברענט איצט ווייס דאָס ווייטע פעלד;
טויט האָט זיך צעפירט די הענט —
טרינקט אין בלוט זיך גאַנצע וועלט.

אַף דערויף איז דאָך אַ קריג.
מענטשן האָט געגנוג דאָס לאַנד;
אַ מאַפּאָלע צי אַ זיג —
אַבי דאָס שווערד בליצט אין דער האַנט! —

דעפּאָרטירטע

ערגעץ איז די האָפענונג זייערע פאַרבליבן;
נישט געפונען האָבן זיי דאָס צוגעזאָגטע גליק.
איצטער, מיט געפּאַנצערטע געמיטער,
אָפּגעטנאַרטע שיפט מען זיי צוריק.

ס'האָט פאַרלאַנג נאָך זעט זיי אָפּגעריסן פון די היימען,
פון די כורוועס נאָך דעם גרויסן בראַנד. —
האָבן שיפן רייכע זיי פאַרטראָגן
צו די ברעגן פון „געלויבטן לאַנד".

זיינען יאָרן דאָרט געגאַנגען מאָגערע און האַרטע;
יאָרן אָנגעווייטיקטע מיט הונגער און פאַרלאַנגען:
האָבן אין וויטרינעס גאַיוועדיק געשפּרייט זיך אויצרעס —
איז קוים אין שטיבער זייערע אַף שפּייז דערגאַנגען.

האָט אין מויכעס אָנגעהויבן עפּעס נאָגן —
און אין הערצער האָט גענומען עפּעס פלאַמען:
צי מוז מען טאַקע קאָרטשען זיך ווי ווערים —
זיך לאָזן צו אַ לעבן אַ פאַרפינצטערטן פאַרדאַמען?!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט זיצן זיי אַף הינטער־דעק אַף ווינט־פאַרפלייצטן,
קוקן מיד אַף שטורעמדיקן יאַם;
אין די אויגן, דאַכט זיך אַלץ פאַרלאָשן,
בלויז אַרום די ליפּן קאַרבן פול מיט סאַם. —

איז וואַר־זשע זאָלן זיי זיך איצטער וועגדן?
וואו אפּ׳סניי צעבליען זיך אצינד?
אַז צוויי מאָל האָט מען זיי שוין אויסגעוואָרצלט,
צוויי מאָל זייער קאָרע אָפּגעשינדט!

וועט מען אַף אַ ברעג אַ פרעמדן זיי צעטרייבן,
יעדן מיט זיין טאָרבע אין די הענט.
וועלן סוינעס ליפּן זיך צעשמייכלען,
וועלן זיך פאַנאַנדערפראַלן טפיסע־ווענט.

ביי פּילסודסקין פעלן נישט קיין טליעס —
מוסאָליני מוז זיך צירן מיט אַ בלוטיקן שווערד —
נאָר האָט בונטאַרן־גייסט אין לאַנד זיך דאָ צעפלאַקערט —
וועלן שיפן אים נישט אָפּראַמען פון אונזער ערד!

די וואָר

נעם, ברודער, זאַק־און־פּאַק
און לאָז זיך איבער שליאַך;
ווייל, דאַך פאַרשטעלט
און ס׳זיינען ווענט,
ווי קייטן ארום לייב און הענט.
צו זען דורך שויבן־בריל די וועלט
איז: זיך אליין
דאָס אויג פאַרשטעלט.

נעם, ברודער, זאַק־און־פּאַק
און לאָז זיך איבער לאַנד!
ס׳איז בראַנד פון זון
נישט אזוי היים
און שטויב פון וועג
נישט אזוי שלעכט.
און נעכט, פאַרבראַכטע אַף אַ סטויג:
געזאָלצן און געשמאַק ווי רויג.

נעם, ברודער, זאַק־און־פּאַק
און גיי דורך דאָרף און שטאָט!
דיין טראָט איז גרינג,
דיין פוס איז שטאַרק:
איז שפּיל פאַר דיר
אַ טאָל, אַ באַרג.
אַ האַרץ, וואָס פילט,
אַן אויג, וואָס זעט,
ווערט דורשטיק
און ווערט שאַרף ביז גאָר —
און, ווי אַ שפּיץ פון בלאַנקן שפּיז,
גראָבט זיך איין אין דיר די וואָר.

וועגליד

וויגט מיין כּאָלעם זיך מיט בלעטערדיקן וועגין,
איז גרינג מיין טראָט אַף ווייטן שליאַך.
אין מיזרעך צינדט זיך דער באַגינען,
אונטער סטריכעס פון אַ רויטן הימל־דאַך.

איז ווילד די פרייד פון מיינע יונגע יאָרן,
יאָגט מיין בליק זיך א באפרייטער דורכן רוים.
איז די ערד די פייכטע, מיין געליבטע —
און א ברודער איז ביים וועג מיר יעדער בוים.

איז גוט אַמאָל פאַרגעסן זשומען פון מאַשינען
און זיך אַ לאָז טאָן איבער פעלדער מיטן ווינט.
איז גוט אַמאָל פאַרגעסן רויש פון הויכבאַנען
און יובלען מיט די פייגל ווי אַ קינד!

און גוט איז יאָגן זיך אזוי אַנטקעגן אויפגאַנג,
מיט אויגן אָנגעצונדענע פון גליק, —
דראַפּען זיך אַף בערג צעגליטע
און דעם בליק נישט ווענדן אַף צוריק.

די בלינדע

קלאַפּט אַ בלינדע מיט איר שטעקן
אַף צעררישטן טראָטואַר —
איז איעדער קלאַפּ אַ צייכן,
אַ באַהיטער פון געפאַר.

איז איעדער קלאַפּ אַן אויער,
איז איעדער קלאַפּ אַ קוק.
מיט טויזנט כושים אָנגעלאָדן
איז דער אַלטער בלינדער׳ס סטוק.

שעפּטשען שטיל די ליפּן אירע,
מורמלען ווי צו זיך אַליין;
דאַכט זיך, אַז דער קרומער שטעקן,
אַז בלויז ער קאָן זי פאַרשטיין.

גלעט זי אָפּט מיט צאַרטע פינגער,
אים, וואָס שיצט זי פון געפאַר;
אים, וואָס קלאַפּט אַף קאַלטע שטיינער
אוים איר הייסן, בלינדן צאַר.

גרויסשטאָט

ש ט אָ ט !

צעגליטע, צעשויבערטע שטאָט!
האָסט ווי אַ ראָד אַ שווערס
זיך ארויפגעקייקלט אַף מיין געמיט;
איז יעדער נערוו ביי מיר
צעריסן און צעבויגן —
און מיד מיין בליק
פון קוקן אפן שטראָם,
וואָס רייסט זיך דורך דיין גאַסן־נעץ
מיט אזויפיל אימפעטיקן קויעך.
האַלב־טויב פון רויש
און רויך און שטויב,
יאָג איך זיך
דורך דיין ברוטאַלער, ברודיקער
אומענדלעכקייט.

ש ט אָ ט !

ריזן־שטאָט! —
מיט טרוימען אָנגעזאַפטע און מיט טרערן;
מיט מיליאָנערן געציילטע
און אומגעציילטע
מיליאָנען וואונדן!
אָנגעצונדן ברענען הונגעריקע אויגן זיך אריין
אין דיין דרויסנדיקער זאַטקייט.

דיין טראָטואַרן־גלאַטקייט
ווערט אויסגעריבן גלאַטער נאָך
פון טאָג צו טאָג,
פון שאָ צו שאָ:
נישטאָ אַזאַ מינוט, אַזאַ רעגע
ווען היימלאָזע, פאַרהונגערטע ארמייען
פאַרזייען נישט אין דיינע גאַסן
זייערע פאַרשמאַכטע, זוכנדיקע טריט. —
ליגט אין אַלע דיינע אָדערן, שטאָט,
דינאַמיט פון ביינער צעקרישלטע,
צעטראָטענע נעפּאַשעס.
קונציק אזוי
האָסטו אַלע ראַסן פון דער וועלט
אין דיר פאַראייניקט —
צוקן זיי פאַרפייניקט איצט
אין דיינע אינגעווייד
גרייט
צו בויען און צו וועבן,
גרייט
מיט לייב־און־לעבן
דינען דיינע פּאָר געציילטע, „אויסדערוויילטע",
וואָס שאַרן מיט לאַפּעס גיריקע
אוצרעס
אין דעם קיינמאָל־זאַטן שוים.
גרויס ביי זיי איז דער פאַרלאַנג צו הערשן!
גרעסער
זייער הונגער
נאָך די רייכקייטן פון קאָנטינענטן!

האָבן זיי פון אַגענטן געטרייע
איבער וועלט אַ נעץ געוועבט —
ליגט אָטעם פון מעשאָרסעם זייערע
ווי אַ שווערער טשאַד אין יעדן צווייטן מויער,
זויגט ארויס דאָס לעצטע ביסל קויעך,
שרייט אַראָפּ פון קלויסטער־שפּיצן
און פון בעסמעדרעש־ווענט —
און נאַרט מיט ווערטער פיין־סאָרטירטע,
גלאַט־געטאָקטע. —

עי, איר, פאַרנאַרטע,
פאַרהונגערטע אַרמייען!
גענוג שוין
פאַרזייען איבער גאַסן שטאָטישע
זוכנדיקע טריט!
דער גאָט, מיט וועלכן מען קומט אייך צו דערשרעקן,
דערוועקן קאָן ער נישט
אַ טויטע פליג אַפילו.
איז נישטאָ אַף וואָס צו וואַרטן!
דעם אויסגעדארטן גוף —
נישט שפּייזן קאָן מען אים מיט אויסיעס
פון רייכע, בלישטשענדיקע שילדן.
מיט אַ גאַלעכס „מילדן" קוק
קענט איר נישט פאַרשטילן דעם הונגעריקן מאָגן.
און קלאָגן זיך —
נישטאָ פאַר וועמען!
נישטאָ אַף וועמען זיך פאַרלאָזן!

די „ווירטואָזן“,
וואָס שפּילן אַזוי פרום־פאַרטראַכט
דאָס ליד פון —
„גאָט“ און „פאָטערלאַנד“,
פון — „מענטשן־ליבע“
און פון „יענער וועלט“ —
זיי אויך האָט יענער רייכער
אייך צו צאַמען אָנגעשטעלט.

איז פול די מאָס!
שוין פול צו לאַנג!
און שלעכט איז
קראַנק־פאַרשלאָפן וואַרטן!
דעם לאַנג־געגאַרטן טאָג —
נישט מיט פאַרבלאָז־שטילע וואונטשן,
נישט מיט קלאָלעס,
נישט מיט טרערן
וועט איר אים דער וועלט באַשערן:
דינאַמיט און קאָפּ געזונטער!
בלוט און פלאַם
און רויטער צונטער!
מעגן שטעט זיך איבערקערן!
מעגן מענטשן — ברידער — פאַלן. —
באַהאַלטן ליגט די וועלט, די נייע!
אין דעם שלאַכט־רויש
דעם פינאַלן!

אונזער קלאַס

אין אונזער קלאַס עס ליגט דער קויעך
פון שטורעם־עלעמענט;
מיר טרייסלען גאַנצע וועלטן אויף,
צעווייג מיר נאָר די הענט.

מיר וואַרפן אום און בויען אויף
און וויינען נישט דערביי;
אויב ס'איז א וועלט צום שטארבן רייף —
איז וויינען נישט קעדאַי!

ניין, נישט פרעמד איז אונז דער פיין פון טויט,
מיר קענען אים צו גוט;
מיר פאַרבן דאָך ביי יעדן שפּאַן
די ערד מיט אונזער בלוט!

נאָר קלאָגט דען ווער, ווען ס'גיסט זיך אויס
אונזער זאפט אף קאַלטן שטיין?!
מען לאַכט מיט גיפט און הויבט די פויסט —
און טרעט מיט שטיוול נאָך אין צוויין.

נאָר צומאָל, ווען סקומט דער טאָג
און אונזער קלאַס דערקענט —
ווילט איר, אז די שטראָף זאָל זיין
ווי פון א מאַמעס הענט.

נאָר דעמאָלט קאָן מיר נישט קיין גנאָד;
צו טיף שוין אונזער האַס!
מיר ברעכן — און מיר שטעלן אויף
אַ וועלט פאַר אונזער קלאַס!

איר האָט אליין אונז הארט געמאכט
און אויסגעלערנט זיין ברוטאַל;
מיר בויען און מיר ווארפן אום —
און קושן זיך נישט ביים פינאַל.

ערשטע אַסיען־רעגנס

ווען ערשטע אַסיען־רעגנס הויבן אָן זיך איינעסן אין ביינער
און פון געלע בלעטער טריפן טראָפּנס אומעטיק צו דר׳ערד;
אַז וואויל איז דעמאָלט צו דעם מענטשן,
וואָס ערגעצוואו איז אים אַ טרוקן שטיקל אָרט באַשערט.

מענטשן — כ׳זע זיי ליגן אַף די נאַסע טראָטוארן,
צו אַפּאַטיש, דאַכט זיך, קינע פילן צו אַ גאַסן־הונט.
איינער ליגט אַ באָרוויסער און קוקט מיט טויטע אויגן,
ווי ס׳קריכן ווערים אַף זיין יאַטערדיקער וואונד.

כאַטש נעם און גיב אים סאַם צו עסן;
כאַטש נעם און שיס אים דורכן קאָפּ אַ קויל —
דער, וואָס האָט זיי אַלע דאָ אין שטויב געטראָטן,
האָט אים אויסגעלערנט שווייגן, ליידן מי טפּאַרמאַכטן מויל.

ערשטע אַסיען־רעגנס, וואַרימע מיט לעצטן טאַאַם פון זומער,
מיט שווערע אָנזאָגן אַף ווינטערדיקער קעלט,
אַמאָל, אין ביטער־זיסע, אינגלישע יאָרן,
האָב איך פון אייער אומעט אַ פאַרכאָלעמטער געקוועלט.

כ׳האָב ליב געהאַט דעם קלאַפּ פון רעגן אַף די שויבן,
פון כמאַרעס פלעג איך בויען, ווי מען זאָגט, אַ שלאָס.
פרעמד איז דעמאָלט מיר געווען מיין אייגן לעבן,
פרעמד געווען איז מיר דאָס וואָרט: פאַרוואָס?

היינט, ווען כ'זע א הימלאָזן זיך וואַלגערן אַף נאסע שטיינער,
אָדער פאַר אַ טויער אן ארויסגעווארפן הויז־געזינט,
גליט אויף דאָס וואָרט מיט פייער־אויסיעס פאַר מיינע אויגן,
און אויסגעקריצט שוין איז מיין וועג, וואָס פירט פון וויסטן
לאַבירינט. —

ערשטע אָסיען־רעגנס ווארימע און שטילע,
ווי מיט שאַרפע שפּיזלעך וועקט איר מיין געמיט אַצינד;
שפּיצט זיך צו מיט אייער אָנקום בלויז איין בענקען —
דאָס בענקען נאָך אָקטאָבערדיקן ווינט.

האַרבסט

ס'איז האַרבסט פאַר מיר
נישט בלויז אַ שפּיל
פון גליענדיקע פאַרבן,
נישט בלויז פּראָלאָג פון גיגאַנטישן שטאַרבן.
האַרבסט פאַר מיר —
אָנזונג אַף נאַסע, ברודיקע טעג;
טעג אָן ארבעט,
טעג פון שטיין אַף זעקסטע עווענין ראָגן
און זיך שלאָגן מיט אומעט
פון פאַרלוירענע שאָען.

מיינט האַרבסט פאַר מיר:
ס'שטייט האַרט ביים טיר
אַ לאנגער ווינטער,
מיט צווינטער־שטילקייט אין ווארשטאטן;
מיינט — זמאַן פון ווארטן.
וואַרטן מיט צעצונדענע בליקן,
מיט קליידער, פון רעגן צעווייקטע,
ביי פאַרשלאָסענע פאַבריקן.

איז האַרבסט פאַר מיר
נישט שפּיל בלויז
פון רויט־גאָלדענע קאָלירן.
האַרבסט פאַר מיר
איז קלאַפּ
אין טויט פארהאסטע טירן!
איז נאָכגייען,
אַ דערשלאָגענער און מידער,
אין די טריט
פון ארבעטלאָזע ברידער!

האַרבסט —
פאַר מיר
אַן אָנזאָג אַף נאַסע, ברודיקע טעג;
טעג אָן ארבעט,
טעג פון שטייען אַף זעקסטע עווענוי ראָגן
און זיך שלאָגן מיט אומעט
פון פאַרלאָרענע שאָען.

וואַנדערנדיק

איך גיי דורך לאַנגע, הייסע טעג,
מיט צוגעשאַרפטן אויג און זוך:
ס'איז יעדער שטיין פאַר מיר אַן אָס
און יעדער פלויט פאַר מיר אַ בוך.

איך גיי דורךברייטן, רייכן לאַנד,
פון אָקעאַן צו אָקעאַן:
ס'בויגט די ערד זיך אונטער לאַסט
פון ברויט, וואָס וואַקסט אַף יעדן שפּאַן.

און וואו איך קום און וואו איך שטיי,
און וואו איך קוק זיך נאָר ארום;
אין יעדער שטאָט, אין יעדן העק —
נויט און דאַכקעס אומעטום.

און אומעטום דאָס זעלבע וואָרט
און אומעטום דאָס זעלבע ליד —
אַ ליד, וואָס שניידט זיך איין אין פלייש
און נעמט ווי פלאַם ארום און בריט.

דאָס ליד פון רייכסטן לאַנד אַף וועלט:
אַ הונגער־כליפּ! א ברום פון נויט:
ווער גיט א רידל אין דער האַנט!
ווער גיט מיר אַף אַ לאבן ברויט!

דאָס ליד פון רייכסטן לאנד אַף וועלט:
אַ קראַך פון ביקס! א קלונג פון קייט! —
און סעדער זיינען פול מיט אויבסט
און פול מיט גרינסן יעדער בייט!

פּאַרמהאַנט אַ׳מעילי

אַף אַ פעלד, אין קאָלאָראַדאָ,
אין אַ פּאָסע, ביי מיין זייט,
זיצט פּאַרמהאַנט אָ׳מעילי,
און מיט אויגן אונטער פינצטער־רויטע ברעמען,
קוקט ער נאָך דעם ליולקע־רויך,
ווישט די וואָנסן זיך
און שווייגט.

אַרום אונז —
געזשום פון פליגן
און סימפאָניעס פון גרילן;
פון טאָג די לעצטע פאַרבן
שפּילן זיך אַף בערג באַשנייטע,
בערג, ביים הימל־ראַנד צעשטעלטע,
ווי טונקל־ווייסע ריזן־גאַרבן.

אַ גאַנצן טאָג האָט זון געברענט.
אַ גאַנצן טאָג האָט שליאַך געגליט.
זיצט מען מיד אַצינד אין פּאָסע
און — ווי מיט קילן רויטן וויין,
קוויקט מען זיך
מיט קילקייט פונ׳ם אָוונט־שיין.

ליגט די שטילקייט שווער —
און אָנגעזאַפּט מיט פרעמדן גאַרן;
מיט אַ נאָגן אָן אַ ציל
און אָן אַ ברעג. —

קומען אָן דערינערונגען מיט די פעלדער,
שיילן זיך אַרויס פון דעמער
אַלטע, קיינמאָל־ניט־דערמאָנטע טעג.

און פּלוצים,
ווי וועלנדיק אַראָפּקייקלען פון האַרץ אַ שטיין,
האָט אַראָפּגעוואָרפן שווייגן זיינס פון זיך אַ׳מעילי
און גענומען רעדן —
רעדן אָפּגעהאַקט
און ווי צו זיך אַליין.
און מיט ווערטער שטילע, פּראָסטע —
האָט ער אויפגעוויקלט יאָרן פון זיין לעבן
און געלאָזט זיי פאַלן אַף דער פרישער ראָסע,
ביי דעם פעלד־ראַנד,
אין אַ קאָלאָראַדער פאָסע:

אין אירלאַנד ערגעץ,
אין אַ דאָרפיש שטיבל,
האָט ער זיין ערשטן קוויטש
אַרויסגעשיקט צו וועלט.
פון פרישטע קינדער־יאָרן
פלאָנטערן זיך זיכרוינעס נעפּלהאַפטע אין זיין מויעך;
זיכרוינעס אויסגעמישטע מיט רייעך פון שטאַלן,
קוואָקעריי פון הינער
און געביל פון הינט;
מיט שרעק פון רעגן־לאַנגע נעכט,
ווען עס פלעגט דער שטורעם מיאַווקען
פאַר די בלינדע שויבן
און וויינען, ווי אַ פּיצל קינד.

און ווי דורך אַ כאָלעם נאָך געדענקט ער
די סוידעסדיקע קאָרידאָרן פון דער שיף,
וואָס האָט צוריק מיט לאַנגע יאָרן
אים מיט טאַטע־מאַמע זיינער
און דעם גאַנצן הויזגעזינד
פאַרטראָגן אָט־אַהער אין לאַנד,
וואו ער מוטשעט זיך
און בידעוועט אַצינד.

געדענקט ער נעכט צעגליטע, זומערדיקע,
ווען אַ שטוב אַ הייסע,
ווי אַן אָנגעהייצטער אויוון,
איז אָנגעפילט געווען מיט שווערן פרייכן
פון אַ שלאָפלאָזן הויזגעזינד.
אין אַזוינע נעכט
פלעגט טאַטע זיינער זיך פאַרקייכן
אין אַ לאַנגן הילכעדיקן הוסט —
און מיט אַ ברוסט־קאָל אַ כאָרכלענדיקן
דעם טאָג פאַרשעלטן,
וואָס האָט געבראַכט אים צו די ברעגן
פון דער גאָלדענער מעדינע. —

ס'שווייגט אָ'מעילי, וואַרט אַ רעגע;
ציט אַריין אַ זיפץ אַ שווערן —
טוט אַ וויש זיך איבער וואָנסן
מיט די פינגער,
פאַרקנייטשט אַביסל טיפער נאָך דעם שטערן
און דערציילט:

ס'האָט געיאָגט די צייט זיך
אין דער גרויס־שטאָט.
ניט אַרויסגעוואַקסן נאָך פון קינדער־שיכלעך,
האָט ער מיט פעקלעך שוין געיאָגט זיך
איבער גאַסן פון נויאָרק,
קעדיי פאַרנאָסע־זאָרג פון טאַטע־מאַמע
מאַכן גרינגער.
ס'איז די קינדער־צאָל
מיט יעדן יאָר אין שטוב געוואַקסן —
האָט ער אַף יונגע אַקסלען
יאָך פון אַרבעט
פרי זיך אויסגעלערנט טראָגן. —
טאַטע פלעגט זיך שטענדיק קלאָגן,
אַז ס'שטעכט און ברעכט אין יעדן איווער,
און אַז — אָט־אָט־אָט
וועט גאָט זיך שוין דערבאַרעמען
אַף זיין נעשאָמע. —
און אַזוי האָט יאָר אין יאָר זיך איינגעפלאָכטן.
איז ער — אַ'מעילי — אויסגעוואַקסן
גרויס און שטאַרק;
מיט הענט אַזוינע שווערע, ווי די האַמערס,
און מוסקולן — אויסגעקנאָטענע פון שטאָל.
אין שטוב די קינדער
זיינען גרויס געוואָרן —
און געוואָרן איז די מאַמע
קליין און אַלט. —
ס'האָט דער טאַטע אויסגעהויכט דאָס לעצטע
ביסל אָטעם
אין אַ שטיקנדיקער זומער־נאַכט,

ער אַליין
האָט אים די אויגן צוגעמאַכט.

און ווייטער איז די צייט געגאַנגען:
געאַרבעט האָט ער שווער
און אָן אַן אָפּרו.
געאַרבעט האָט ער אין גאַרבאַרניעס
און אַף טראָקס;
געאַרבעט האָט ער אין פאַבריקן
און געדזשוויגעט לאַסטן
ביי די „דאָקס".
ס'האָט אַף יענער זייט אַטלאַנטיק
וועלט גענומען גויסעסן
און טרענקען זיך אין בלוט
און פּרעגלען זיך אין גלוט פון פייער.
נאָר ער איז געשטאַנען,
אַ געטרייער קנעכט צו אַרבעט־פּלאַץ,
איינגעשפּאַנט אין יאָך פון האָרעוואַניע. —
ביז פּלוצים —
ס'האָט אַ שפּרונג געטאָן
דער בראַנד פון אַלטער וועלט,
אַריבער צו די ברעגן
פון די „פרייע און די בראַווע",
און אין קלעם
פון בלוטיקער אָבלאַווע
אים אַריינגעכאַפּט. —
איז ער געלעגן אין טראַנשייען ערגעץ

„אָווער דהער" —
געשיפּעט אַרום אים
האָט טויטלעך בליי
און מערדערישע פייער־צונגען,

און ביי אַ גאַז־אַטאַקע —
האָט ער דאָרטן אַף אַ פעלד
פאַרן „פאָטערלאַנד" אַוועקגעלייגט
זיינע האָרעפּאַשנע לונגען. —

און ווידער
שווייגט אָ'מעילי,
ווי אַ וואַנדערער אַ מידער
נאָך אַ לאַנגן וועג,
און מיט אויגן אונטער פינצטער־רויטע ברעמען
קוקט ער אַף דעם לעצטן פּאַס פון בלוט,
וואָס רוט אַף באַרג־קופּאָלן
ווייס באַשניטע,
און מיט אַ ציטער
פון זיין שווערער אונטער־ליפּ
פאַרציט ער הייזעריק דעם קנופּ
פון יאָרן אויסגעלאָשענע
מיט דעמערדיקן היינט.

אַ געקומענעם אַהיים
פון גרויסער שכיטע,
האָט לופט פון גרויס־שטאָט,
ווי אַ מיל־ראָד,
שווער געפּרעסט אַף זיינע לונגען;
און געוואָרגן —

און גענומען שטיקן האָט שטויב
און רויך פֿון שטאָטישע פֿאַבריקן.
האָט ער — אַ קראַנקער און אַ מידער —
זיך פֿון מעטראָפּאָליע אָפּגעווענדט
און אַוועק אין דאָרף
מיט גאָרנישט —
כוץ
די
אָפּגעשוואַכטע
הענט.

און יאָרן אָט־אַזוי
האָט ער אַף פֿאַרמס זיך געדרייט.
געאַקערט, געזייט,
געמאָלקן קי,
געקאָרמעט פֿערד
און אין כאַווערשאַפֿט אַן ענגער
זיך מיט ערד פֿאַרבונדן. —
ס'איז אָטעם זיינער
מיט דער צייט געוואָרן פֿרייער,
און ס'האָבן ווידער זיך ביי אים
די הענט געשטאַרקט;
און כאָטש קאַרג געווען
איז אין ווינטער טעג
ניט איינמאָל ברויט —
האָט אָבער פֿאָרט דער טויט
אין בלוט נישט מער גענישטערט.

איצט האָט זיך דאָס מזל פון אים אָפּגעקערט;
ס'דאַרף די ערד שוין דאַכט זיך,
נישט קיין הענט. —
כּאַדראָשים, אַז ער בלאָנקעט שוין אַרום אַזוי —
און אַז אַף אַ סטויג מיט אַלטן שטרוי
וואַלגערט ער זיך אָפּ די נעכט.
ס'איז — זאָגט ער —
שלעכט געוואָרן דאָ אַצינד אין לאַנד;
אויסגעשפּילט שוין באַלד
איז פּאַרמהאַנט. —
ס'גויסעסן און קרימען זיך די פּאַרמערס — זאָגט ער —
אונטער לאַסטן פון פּראָצענט; —
איז ספּראַווען זיי זיך מיט דער אַרבעט
אָט אַזוי שוין
ווי עס איז אַליין. —
און דו —
כאַטש נעם און שטרעק זיך אויס
און פאַרשטשירע ווי אַ הונט די ציין. —

בין איך שוין איצטער — זאָגט אַ'מעילי —
ברודער, ניט קיין פּאַרמהאַנט,
נאָר אַ בלודנער טרעמפּ —
אַ „האָבאָ",
וואָס פּאַרמיעסט
דאָס גרויסע לאַנד.
שוין ניט איינמאָל זיך „געקושט"
מיט טפּיסע־דיל

און געפילט אין האַלדז־און־נאַקן
פויסטן וואָגיקע ווי בליי —
נו, גיי און שריי:
סטייטש, כ׳האָב פאַרגאָסן דאָך
מיין בלוט פאַר אָט־דעם לאַנד!
ס׳אַ טויבע וואַנט. —
א ו י ס —
כ׳האָב אויפגעהערט צו זיין
אַ פאַרמהאַנט!

פאַראַן אַ פאַראַגראַף אַזאַ,
וואָס מאַכט מיך פאַר אַ „טרעמפ"
און שאַ!

אָ׳מעילי שטומט.
און קוקנדיק אַף זיין פראָפיל,
זע איך דעם נערוועזן שפּיל
פון זיין צעקאַרבטן פּאָנים.

ש ו ו י ג ן .

ווי לעש פּאַפּיר,
האָט דעמער איינגעזופּט אין זיך
דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון טאָג.
פון פּאַשנדיקער קו אַ גלאָק
האָט ווי אַן אָנזאָג
זיך געטראָגן
פונדערווייט. ——

האָבן פּלוצים מיך באַפאַלן רייד —
רייד פון דעם,
וואָס איז אין ווערן —
האָב איך רויטע שטריכן
אָנגעהויבן ציען,
ביי דעם בלאַסן ליכט פון ערשטע שטערן.

און ביים פעלד־ראַנד,
אין אַ קאָלאָראַדער פּאָסע,
האָב איך אַ טראָן געבויט
פאַר האַמער און פאַר קאָסע. ———
און געצומען צינדן
אונטער שווערע ברעמען
האָבן זיך אָ'מעילים אויגן:
און אַף אַקסלען מיינע
דערפילט האָב איך
זיין ציטערדיקע האַנט. —
— ס'וועט זיין,
ס'וועט זיין, מיין ברודער,
א ו נ ז ע ר ס נ אָ ך אַ מ אָ ל ד אָ ס ג ר ו י ס ע ל אַ נ ד !

ליד פון אַן אַלטן אָפּערייטאָר

הענגען מיינע הענט פאַרנאַכט ווי שווערע קלעצער,
ברעכן זיך פון מידקייט מיינע קני:
אַזוי שווער אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ געהאָרעוועט
און ניט אויסגערוט געווען אַפילע אינדערפרי.

אַזויפיל נעכטנס ליגן אויפגעהורבעט אַף מיין רוקן:
אַף מיין הויט געלאָזן יעדער נעכטן האָט אַ קאַרב;
און כאָטש איך ווייס, אַז ס'וועלן קומען נייע צייטן —
איז יעדער טאָג מיר אַזוי ביטער, אַזוי האַרב.

ניט די אַרבעט שרעקט מיך, ווען איך כאַפּ זיך אויף באַגינען;
ניט די לאַנגע מאַטער־שאָען אין פאַבריק.
ס'איז די שטענדיק־וואַכע מוירע:
מאָרגן הייסט מען מיר ניט קומען קריק!

כ'קען דאָך גוט די מאָרעשכוירעדיקע טעג אַף בירזשע:
יעדער טאָג מיט צ ו ו י י ברענגט נעענטער צום סאָף —
פון די טעג עם פלעכטן זיך כאַדאָשים
און נעכט פאַרגעסן טאַם פון טרייסטנדיקן שלאָף.

פאַרטאָג צעברעקלט מען אַ בייגל מיט די פינגער,
אַמאָל באַצאָלט אַ גוטער ברודער פאַר אַ גלעזל טיי.
שפּעטער שלעפּט מען זיך צופוס אַהיים פון מאַרקעט:
ס'קאָסט אַ ניקל דאָך צו פאָרן מיט סאָבווי.

און אין הויז איז אַזוי אומעטיק און פינצטער;
מיט רויטע אויגן גייט דאָס ווייב אַרום און קרעכצט;
די קינדער שטאָפּט מען אָן מיט טרוקן ברויט די בייכלעך,
און אַ יאָנטעוודיק גאָר אַ גאַנצער ווערט אַ לעפל היים געקעכץ.

שווער איז דעמאָלט יעדער טאָג און ביטער.
ווילט זיך שוין דעם קאָפּ פאַרבאָרגן אין מאַשין בידאַי!
עמעס — ס'איז די ביטערקייט פון שאַפּ אַן אַלטע —
יעדן טאָג אָבער איז הונגער ניי!

איז כאָטש די אַרבעט ליגט ווי בליי אויף מיינע גלידער,
כאָטש אַ פּלאָג איז יעדע שאָ אין דער פאַבריק;
אַ רואיקער וואָלט איך די טעג אין שאַפּ באַגעגנט —
ווען ניט די מוירע: מאָרגן הייסט מען מיר ניט קומען קריק.

מיר װעלן דערפֿירן די שלאַכט צום פֿינאַל

הײנט, װען ס'האַלט שױן בורזשױ בײם לעצטן עטאַפּ,
און ס'גרײט שױן זײַן קײװער די אַרבעטער װעלט,
לעבט פֿריש נאָך בײ אונז אין זיקאָרן דער שאָס,
דער שאָס פֿון הירש לעקערט — דעם אַרבעטער־העלד.

װי אַ פֿײער־ראַקעט איבער פֿינצטערן הימל
האָט איבער צאַרישן לאַנד זיך צעטראָגן דער קנאַל —
האָט לעקערט אַ שטאָלצער דעם טאַליען באַגעגנט,
כאָטש לעבן געבליבן איז בלוט־הונט פֿאָן־װאַל.

אין דער גרױלעכער נאַכט אַף „װאָיעװאָיע פּאָליע"
האָבן זײַן קײװער פֿאַרװישט דעמאָלט זעלנערשע טריט,
און הײנט — װערט דאָרט צײַטיק די ליכטיקע פֿײרע
פֿון דעם רױטן, דעם דעמאָלט־געפֿאַלענעם צװיט.

די שוסטערשע האַמערס, די פֿױערשע סערפּן —
זײ בליצן הײנט העל אַף אַ זעקסטל פֿון ערד!
פֿאַרן ציל, װאָס מיר זײַנען גרײט הײנט צו שטאַרבן —
געװען דאַן איז לעקערטן שטאַרבן באַשערט.

און דרײַסיק יאָר איז אַ װײטער מעהאַלעך, —
שױן טױזנטער לעקערטס געפֿאַלן אין קריג! —
און מיט יעדן, װאָס בלײַבט אַף „װאָיעװאָיע פּאָליע",
קומט נעענטער, אַלץ נעענטער דער אַרבעטער־זיג!

עס קעמפן און פאַלן די לעקערטס אין כינע!
זיי פאַלן אין פוילן, אין בערלין און דעטראָיט! —
און ווערן אַלץ מערער, אַלץ ברוזיקער, הייסער.
וואָס מערער מען קומט זיי אַנטקעגן מיט טויט!

פאַרביי שוין די צייט פון יעבידישן טעראָר;
אונז פירט שוין דאָס לענינשע וואָרט היינט אין שלאַכט!
נאָר טייער וועט בלייבן אונז בלוט פון אַ כאַווער,
וואָס האָט פאַר זיין קלאַס זיך אַלס קאָרבן געבראַכט!

זיינען טויט די פאָן־וואַלס אַף אַ זעקסטל פון ערד שוין!
פ אַ ר װ י ש ט איז דאָס קייוועך פון „פאָטערל” צאַר!
איצט קען שוין אַ קליאַטשקאָ דעם פאָריק ניט אייצען:
„שמיץ איז דאָס בעסטע מיטל, מיין האַר.”

נאָר ס׳לעבן פאָן־וואַלס נאָך אין איפּושן קליאַטשקאָס!
ס׳לעבט נאָך ביי אונז דאָ פאַרשטעלט זובאַטאָוו!
איז געווען דאַן אַ קאַמף־רוף דער שאָס פון הירש לעקערט —
מוזן מיר היינט דערפירן די שלאַכט ביזן סאָף!

ניט לאַנג שוין

אייער ווייטיק איז פעט און געכאָליעט
און פון קרעכץ אייערן טאָפּיעט זיך שמאַלץ!
איז ווען־עמען־זשע קומט איר דערציילן,
אַז פּוסט און אַז נישטיק איז אַלץ.

איז ווען־עמען־זשע ווילט איר פאַרוויגן,
מיט גרויקייט, מיט שפּינוועב און שרעק,
מיט רייד פון מייסים־קאַפּעליעס
און טויזנטער אַנדערע שלעק.

מיר וויסן ווער ס'שטופּט אייער פעדער —
אייערע טעפּ גייען איבער אין זאַד —
אייער מוזע — אייער ליכטיקע מוזע —
אַ שפּרייך אינם געל־שוואַרצן ראָד!

איר ווישט זיך קעסיידער די אויגן,
יעדער טרער — פּאַטעטיש און גרויס.
און פאַרקנעט איר מיט טרערן די פערזן —
באַקן געלענקע רענדלען זיך אויס.

אין גרויס־שטאָט באָרדעלן מאָדערנע,
ביי קורוועס, אין פּאַך ראַפינירט —
זאַפּט איר זיך אָן מיט וועלט־שמאַרץ —
און איר זעצט זיך אַוועק און איר שמירט.

און אין הייסע זאַוואָדן און שאַכטעס,
אַף וואַסערן ווייטע און פעלד,
וואַרטן מיליאָנען און גאַרן —
נאָך אַ בליק, אַ וואָרט וואָס דערהעלט.

איז מיר, מיט אויליקע העמדער,
מיט שווייס און מיט שטויב פון פאַבריק,
זינגען פון ליכטיקע טקופעס,
פון טעג באַשיינטע מיט גליק.

איז מיר — אונטער מיל־שטיין פון אַרבעט,
מיט האַרטער מאַזאָליסטער האַנט,
טונקען די פעדער אין פייער
און בלאָזן די פונקען פאַנאַנד.

מיר וועקן דורך טעג און דורך יאָרן,
די שלאָפערס, וואָס איר האָט פאַרוויגט.
אייערע פינצטערע שלייער־געוועבן
מיר רייסן און רופן צום קריג. —

נים לאַנג שוין אַף זוינעשע שויסן
וועט איר זיצן מיט פען אין דער האַנט!
שוין שפילן און קאָכן וואולקאַנען
שוין רייסט זיך דורך לענדער דער בראַנד!

אונזערע פאָנען שוין ברענען אין כינע,
אין אינדיע שוין וויגט זיך די ערד!
און דאָ, אַרום אייערע שוועלן,
ס'זידט און קאָכט שוין און יערט.

איז וואָס־זשע קוקט איר נאָך איצטער מיט אויגן
פון סאַרנעס, וואָס ווייסן קיין בייז —
מיר לאָזן זיך מער ניט פאַרוויגן
אין בלוט און אין אייגענעם שווייס!

מיר ווייסן ווער ס'שטופּט אייער פעדער!
אייער ליכטל צוקט און גייט אויס!
ניט לאַנג שוין צעשוימטן שאַמפּאַניער
וועט איר טרינקען אַף זוינעשן שוים!

אונזער האַרמאַט

(צו דער ווידערדערשיינונג פון „האמער“.)

יעדעס לאַנד איז אונזער לאַנד,
דאָס לאַנד פון די סאָוועטן,
זינגט־זשע העכער אונזער ליד,
פּראָלעטפּען פּאָעטן! (מוישע נאַדיר)

האַרמאַט איז דאָ!
נו, איצט די קויל —
און אויג אַף ציל געהעפּט!
די ליופּעס שטעלט אַף סוינע אָן!
כאַווײרים,
שיסט —
און טרעפט!

אַוועק שוין צייט
פון „שורע שפּיל“.
ניט איצט די צייט פאַר „צאַרטן“ וואָרט!
פאַראַן אַצינדערט
בלויז א י י ן ציל!
און אָפן זיין
מוז יעדנס קאָרט!

אַ קוואַל פון האַס
מוז איצט זיין טינט!
און פען מוז זיין
אי שאַרף, אי בלאַנק!
אַ יעדעס וואָרט —
אַ מאָרד־סטילעט!
און רויט אַרמייער —
דער פּאָעט.

ס׳רײדן פֿאַרבלענדטע

ס׳רײדן פֿאַרבלענדטע:
„שווער איז אונדז גײן צום פֿויקישן טאַקט,
מיט לידער אין האַרצן,
ווי שוואַרצע וואָראָנעס;
ס׳איז טונקל דאָס לעבן,
ס׳איז קאַלט דער אַרום —
און הײסער איז אומעט
פֿון אַלע סאַקאָנעס!

„ווי קען מען דען גײן מיט באַפֿליגלטן טראָט
און צווינגען צו פֿרײד
דעם שווערן געדאַנק,
ווען ס׳שטעכט ווי אַ דערנער־קראַנץ אײגענער צאַר
און געמיט איז פֿון נעפּלדיקע בענקשאַפֿטן קראַנק.

ווי קען מען דערשטיקן דען
אַלץ וואָס אַמאָל —
און שענדן
מיט פֿאַלשע געשרײען די פֿאָן —
בעסער שוין גײן זיך
אין אײגענעם וועג
בעסער אינגאַנצן אַרויס פֿונעם קאָן!״

ס'קלינגען די רייד,
איך הער און פאַרנעם
און שווער איז מיר
זין פון די ווערטער פאַרשטיין,
אויב ליב איז אייך רויטע, „געשענדעטע" פאָן —
איז וויפל מאָל ליבער אייך
אייגענער פיין. —

איצט וועט איר גיין מיט מאַרטירערישן שטאָלץ,
גיין דעם פאַראיפעשטן, זומפיקן וועג —
איז וואו וועט איר קומען,
וואו וועט איר זיין —
וועט קאַפע אייך דען געבן מ'זין פון די טעג?!

ביי אונז איז דאָך יונג און נאָך פריש יעדער צווייג,
יעדער טאָג אָטעמט מיט פולווער,
מ
י
ט
ש ל אַ כ ט !
ווי קען מען דען א י צ ט זיך לאָזן אַף וועג,
וואָס פירט צו די טעמפלען
פון אומקום און נאַכט!

ס׳זיינען שאַרף שווין די מעסערס

ס׳זיינען שאַרף שווין די מעסערס, די ביקסן געלאָדן,
אַ קראַנץ פון האַרמאַטן נעמט אַרום יעדן לאַנד,
און טויזנטער ליופעס, ווי הונגעריקע מיילער,
זיינען אָנגעשטעלט אַף סאָוועטן פאַרבאַנד.

ס׳האָט מאָנאַרך זיך דערשראָקן און בורזשוי איז פאַרציטערט:
צו שנעל און צו זיכער גייט אויף דאָרט דאָס פעלד!
דאַרף מען פאַרניכטן, מוז מען פאַרברענען —
און מאַכן אַ שייטער־הויפן פון וועלט.

אין זיין אייגענער נעץ האָט באַלעבאָס זיך פאַרפלאָנטערט:
צו פול זיינען שפייכלערס, פאַבריקן צו פוסט —
און „זיין מענטש", וואָס פלעגט שווייגן מיט טעמפן געהירן,
האָט זיך איצט פון אַ נייעם מין לעבן דערוואוסט:

אַף אַ זעקסטל פון ערד איז פרעמד שווין דער הונגער
און פאַר יעדן, וואָס וויל, איז אַרבעט פאַראַן:
קאלווירטן, סאָווכאָזן, פאַבריקן, זאַוואָדן —
ס׳איז אַלץ איצט פאַרמעג פון אַרבעטער־מאַן!

אַקערט מען פעלדער און ס׳שוואַרצן זיך קוימענס,
שטייען דאָרט רעדער נישט שטיל אַ מינוט:
ווי קען מען דען רוען, ווען פריידיקער אימפעט
פון בויאונג באַלעבט יעדן אַרבעטערס בלוט!

האָט מאָנאַרך זיך דערשראָקן און בורזשוי איז פּאַרציטערט:
צו שנעל און צו זיכער גייט אויף דאָרט דאָס פעלד!
דאַרף מען פאַרניכטן, מוז מען פאַרברענען —
און מאַכן אַ שייטער־הויפן פון וועלט.

בראָדיעט יאַפּאַן שוין איבער מאַנדזשוריעס פעלדער
און לאָזט הינטער זיך אַ בלוטיקן סליאַד:
אַלץ נעענטער און נעענטער צום סאָוועטישן גרענעץ
טראָגט זיך דער הילך פון סוינעס האַרמאַט.

אַלץ וועלן הערשער אין קאָן איצטער שטעלן —
און אַרבעטער־בלוט איז די ביליקסטע קאָרט —
גרייט מען די וועלט שוין מיט פראַזן געשוווענצטע
צום „הייליקן קריג״, צום מיליאָניקן מאָרד.

וועט באַלד אַן אוראַגאַן זיך איבער לענדער צעשפּילן;
וועט רעגענען בליי באַלד און האָגלען וועט שרויט.
אין טייכן פון בלוט וועלן גויסעסן פעלקער
און הימל וועט רעעווען מיט שטאָלענעם טויט!

אין גיפטיקע גאַזן וועלן שטעט זיך דערוואַרגן —
באַ קרופּן וועט אַרבעטן אַ דרייפאַכער שיכט —
דער פּויפּסט וועט זיך מאדליען און בעטן זיין סטאַדע —
פאַר די געפאַלענע העלדן אָנצינדן ליכט.

אַף אַ בלוטיקן טיש וועלן זיך שפּרייטן די קאַרטן,
דעם סאָף פון דער שפּיל — מיר ווייסן שוין היינט:
אינמיטן פון כאַאָס, פון מאָרד און פון פייער —
א ו נ ז ע ר קויל וועט געפינען דאָס האַרץ פונם פיינט!

פאַריער ביי דער אַרבעט

צערעוועט זיך אין שאַפּ דער זייגער,
נאָך אַן איינזאַם אויסגעטיקטער נאַכט;
קלינגט ווי אַ זעג אַ טעמפּע,
טרוקן־כריפּענדיק זיין אַ כ כ ט !

וואַרפט זיך יעדער אַף זיין אַרבעט;
כאַפּט מען מעסער און פּינצעט;
קלאַפּט מען זשאַווערדיקע טשוועקעלעך;
שפּאַנט מען פעל אַף נאָגל־ברעט.

ווערן מיינע הענט בא דער מאַשין
צוויי דעסּפּאָטן, צוויי באַצווינגער;
דערמאָנען מיך אָן גוט־מושטירטע זעלנער
דעמאָלט מיינע פלינקע פינגער.

ווערן מיינע הענט בא דער מאַשין
צוויי עלעקטרישע פליגל;
ווערט מיין רוקן ווי אַ מולטער
און עס ווערט מיין גוף אַ וויגל.

פרעס איך שווער אַף אייזערנע טרעטערס;
ציטערן אונטער פאַרטוך מיינע קניעס;
פאַלן צו אַף קורצע רעגעס
מיינע אָנגעשטויבטע, מידע וויעס.

ווערן מיט די שאָען מיינע אויגן
צוויי טייכן אָנגעהויכט מיט רויטן נעפּל;
פליען הין און הער ווי שיפלעך
מיינע ווילדע אויגן־עפּל.

רייסט דורך פענצטער זיך אַריין אַ ווינטל,
פליען פון געזימסן האָר, ווי הײשעריקן,
לייגן זיי זיך בייסנדיק אַף פּאָנים,
גראַבלען זיי אין האַלדז און שטיקן.

זאַפּט איין מאַשין אין זיך מיין יעדן אייווער
בלויז די הענט באַוועגן זיך ווי פליגל.
באַפאַלן מיך צעבונטעוועטע לידער —
לידער — ווי די הייסע ציגל!

זינג איך מיט פאַרמאַכטע ליפּן,
זינג מיט גאָרגל צוגעשפּיליעט;
זיינען מיינע לידער רויטע קרעלן
אַף צעגליטע אָדערן געפּסילעט.

זיינען מיינע לידער רויטע קרעלן,
וואָלט איך וועלן זיי אינמיטן שאַפּ צעזייען:
זאָל זיך יעדער מיט זיי צירן,
זאָל זיך יעדער מיט זיי פרייען.

וואָלט איך וועלן אַפן קאָל זיך דאָ צעשרייען,
ווי עס שרייען די עלעקטרישע מאָטאָרן;
ווי זיי וואָלט איך געוואָלט מיט פונקען שפּריצן
און אויסרעווען אין שאַפּ מיין הייזעריקן צאָרן.

ערשטער מאַי

ערשטער מאַי!
זאָל אונזער קאָל זיך קייקלען
ווי אַ ריזן־כוואַליע איבער וועלט:
ערשטער מאַי!
ווער האָט אָט־דעם רוף
אַמאָל שוין אָפּגעשטעלט?!
ווער פאַרמעסט זיך דאָס
פאַנאַנדעררייסן
די מיליאָנען הענט,
וואָס פלעכטן זיך
פון קאָנטינענט
צו קאָנטינענט?!

ערשטער מאַי!
וועמען שרעקט דאָס
אייער ביקסן־קנאַקעריי!
וועמען שרעקט דאָס
אייער גאַז און אייער באַיאָנעט,
וועמען אַרט דאָס
אייער פינצטערער געשפּעט!
צי פאַרשטילט איר אונזער קאָל דען
מיט מאַשין־געווערן
אויסגעשטעלטע אַף דעכער —
ה ע כ ע ר ,
העכער נאָר צעקלינגט זיך אונזער אויסגעשריי:
ע ר ש ט ע ר מ אַ י !

א
י
ז
ו ו אָ ס —
אייער סטראַשען אונז
מיט מערדער־באַנדעס
און מיט פערדישע פאָדקאָוועס;
אין אונזער קאָל
ס׳ציטערט
בלוט
פון סטיוו קאַטאָווים!
ב ל ו ט
פון עלאַ מעי!
ס׳איז נישט היסטעריקע ביי אונז
אָט־דער געשריי,
ס׳איז נישט געמאַכט זיך.
גלאַט אַזוי אַ ראַאַש; —
ס׳איז אַש
פון סאַקאָ און וואַנזעטי,
ס׳איז מעלאָ׳ס
ס׳איז גאָנזאַלעסעס
טויטער גוף,
וואָס הילכט אַזוי צעפלאַמט
און גליט אין אונזער רוף.
ס׳איז כינע
און ס׳איז אינדיע,
ס׳איז קולי
און ס׳איז „ריק שאַ־באָי״,
וואָס רייסט אונז היינט
אַרוים אַזוי!

ערשטער מאַי!!
ס'איז ווי פון הונגעריקע —
אַרבעטסלאָזע —
צ ע ן   מ י ל י אָ ן ! !
וואָס פלאַטערט רויט
און דראָענדיק
אַף אונזער פאָן!
און יעדער קלאַנג פון
„א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל" —
אַ וועק־סיגנאַל פאַר די,
וואָס דרעמלען נאָך
אין שאַפ,
אַף פעלד
און שאַכט:
אַ רוף —
צו גיין מיט   א ו נ ז
אין לעצטער שלאַכט!

ערשטער מאַי ! ! —
ווי אַ רעגן
פון זידנדיקן בליי
זאָל אונזער רוף זיך טראָגן
דורכן רוים —
און זאָל אַפילע
בלוט
באַפאַרבן אונזער הייסן
צאָרן שוים!

מוישע נאַדיר

װי שװערדן בלאַנקע
אין שײַן פֿון פֿינקלענדיקער מאָרגן־זון
בליצט שאַרף
פֿון דײַנע צוגעשפּיצטע רייד.

אָנגעגורט און אָנגעגרייט
גייסטו מיט די רויטע ביקסן־טרעגער:
אַרט דיר ניט די האַרטקייט פֿון געלעגער,
נישט דאָס טרוקן שטיקל ברויט.
האָסט הינטער זיך
די גלאַטע סטעזשקעס אַלע אָפּגעשניטן
און פֿאַרביטן זיי
אױף אַ באַרג־װעג אַ פֿעלזיקן;
גייסטו איצט אַרויף,
אַ ר ו י ף
דעם שווערן גאַנג
צ ו ר ו י ט ־ צ ע ג ל י ט ע ר הויך.
וואַקסט מיט יעדן שפּאַן
גיגאַנטיש זיך דײַן קויעך פֿאַנאַנד.
איז ווער
קען איצט דעם בראַנד פֿאַרלעשן
פֿון דײַן פֿריש־צעפֿלאַמטן קנויט?!
„רויט אָדער טויט!"
„טויט אָדער רויט!"
זינגט דײַן פֿײַער אונז פֿאָרויס —
אין יעדער פּונק,

אַ רוף,
אַ שטורים;
איז יעדער פונק
אין סוינעס מויל,
פון זינדיקן בליי אַ קויל.
אַלע יאָרן
האָסטו הינטער זיך געלאָזן!
אַלע אַלטע בריקן הינטער זיך צעשטערט!
איז דיר באַשערט אַצינד
אַ פאַקל־טרעגער זיין
פון רויטן אַוואַנגאַרד.
שטורמסטו מיט נייַ־דערוואַכטן אימפּעט
אונזער יונגן טאָג אַנטקעגן.
שרעקן דיך ניט
שטיינערדיקע וועגן! —
האַרבער נאָך פון אַלע האַרבע,
יונגער נאָך פון אַלע יונגע
גייסטו איצט
מיט פעסטן גאַנג
און מיט יעדן טראָט פאָרויס
ווערט אַלץ
רויטער
דיין געזאַנג.

מאַטראַסן

אין פאַרטאָגן ווינטיקע און קאַלטע,
אין אַרבעט־קליידער האַרטע ווי די זעק,
יאָגן זיי זיך כמורנע און פאַרשלאָפן
מיט פּוטניעס וואַסער איבער וואַנקענדיקן דעק.

קנייפּט וואַסער־שטויב געזאַלצענער אין אויגן;
בייסט מיט וועלפיש־צוגעשפּיצטע ציין דער ווינט;
מוזן זיי זיך דראַפּען אַף די העכסטע מאַסן
און געהאָרכן אַפן וואונק, ווי גוט־דרעסירטע הינט.

איז ווער קען דעמאָלט מיר אין זייער פּאָנים ווייזן
נאָך אָקעאַנען זייער „אייביק גאַרן"?
ווער קען מיך דעמאָלט מיט ראָמאַנטיק
פון אַ „פריי מאַטראָסן־לעבן" נאַרן?

שלאָפן זיי אין שיפ'ס פאַרשטיקטער, טיפער מולטער;
הוליען וואַנצן דאָרט אין יעדן בעט.
און די „פרישע, פריילעך־פרייע לידער" —
איך — איך האָב אין „גלאָרי־האול"*) זיי נישט געהערט.

געזען — געזען האָב איך דאָרט ביטערקייט אַף ליפּן
און אין אויגן י ע נ ע ם פינקלענדיקן פלאַם.
געהערט — געהערט האָב איך פון צונגען שפּריצן
קלאָלעס אָנגעוויקט מיט זאַלץ און צאָרן פון דעם יאַם.

און געהערט האָב איך דעם שריי פון אָפיצירן,
געזען די לאַנגע אַרבעט־שווערע טעג;
געזען מאַטראָסן ליגן אויסגעמוטשעטע אַף בעטלעך
און פאַרשטאַנען זייער בענקען נאָכן ברעג. —

*) „רוס־לאָד" פון מאַטראָסן איז אַלגעמיין־באַנוצטער שפּאָט־נאָמען פאַר זייער שלאָף־קוואַרטיר.

סילבן אין קאַן

א קאַלטער באַגינען
האָט מענדלען געטאָרעט פון שלאָף.
האָט מענדל, אַ כמורנער,
די אויגן געריבן
און אָפּן זייגער געוואָרפן
אַ סאַמיקן בליק —
און מיט אַ זשעסט פון איינעם,
וואָס ווייס וואָס ס'דערוואַרט אים,
גענומען זיך גרייטן
גיין זוכן זיין „גליק". —

2

אַ שאַרפער ווינט האָט געוואָיעוועט
אַף פאַרטאָגיקע גאַסן
און כוצפעדיק מענדלען באַגריסט
מיט אַ שקאָצישן סווישטש;
נאָר מענדל האָט טיף
דעם קאָפּ צווישן אַקסלען פאַרגראָבן,
און ס'האָבן זיינע ביינערדיקע פינגער
גענומען זיך ציטריקע זעגענען
מיט לעצטער מאַטבייעס
ניקלענעם בלישטש.

3

דאָס האַרץ פון דער שטאָט
הערט קיינמאָל נישט אויף צו קלאַפּן;
דאָס האַרץ פון דער שטאָט
ווערט קיינמאָל נישט מיד.
טאָג און נאַכט
אַף שטאָלענע סטרונעס,

שפּילט שטאָט
איר לעכצנדיק ליד.
טאָג און נאַכט
אין אָדערן שוואַרצע,
וויברירט איר אייזן־בלוט ווילד;
האָט מענדלען אַן אָדער פאַרשלונגען
און מיט אייזן־רויש אים פאַרדולט.

4

טרעפּ זיינען מער נישט
ווי אייזערנע שטאַבעס,
פאַרדעקט מיט צעמענט
אָדער גלאַנציקן שטיין;
נאָר קריכט מענדל אַזוי
איבער טרעפּ אַ צעשרויפטער,
דאַכט זיך אים —
טרעפּ זיינען כאַישע ציין!
יעדער שטאָק פירט אַרויף
צו קאַניבאַלישע מאָרדעס,
נאָר קאַניבאַל איז היינט זאַט,
זיינע ציינער פאַרמאַכט.
קריכט מענדל אַזוי פון גאָרן צו גאָרן,
פאַרשעלט ער דעם טאָג
און שרעקט זיך — פאַר נאַכט.

5

„וואָס טוט מען מיט פויסטן
וואָס ווערן פאַרזשאַווערט —
וואָס טוט מען מיט פיס
וואָס ווערן פאַרשלאָפט?!"
ס'פרעגט מענדל, אַ מידער,

נאָך אַ טאָג איבער גאַסן,
ביי נאַקעטע ווענט פון זיין צימער
און לאַכט ———

וואָס טוט מען מיט פויסטן
וואָס ווערן פאַרזשאַווערט!
וואָס טוט מען מיט פיס
וואָס ווערן פאַרשלאָפט!
עי, מענדל, געזונטער,
פאַרמוטשעטער כאַוער,
מען טונקט זיי,
די פיס און די פויסטן,
א י ן נ אַ פ ט !
מען טונקט זיי אין נאַפט
און מ'וואשט זיי אין פייער
און מ'מאַכט פון יעדער פויסט
אַ ש ט ו ר ק אַ ך
און מ'לאָזט זיך אַרוים
איבער סקווערן און גאַסן
און צינדט אָן אַ סרייפע
אין שטאָטישן האַרץ!
אַ סרייפע זאָל גרייכן
ביז צו די הימלען
און פאַרברענען די פיס
פונם „אויבערשטנס" טראָן;
דערנאָך נעמט מען אין פויסט
דאָס אייגענע לעבן
און מ'וואַרפט עס
אין הימל
צעפלאַקערטן קאָן!

לינטש־פּראָצעדור

ס'האָבן בייטשן דורכן טאָג
געפּאַלמעסט זיין טונקעלע הויט;
איז ער אין אַ בלוט־טייך געלעגן —
געזשיפּעט דורך ציינער האַלב־טויט.

האָבן אויגן מיט מאָרד־לוסט געבליצט,
מיט געלעכטער זיך „לידים" געשטיקט;
האָבן זיך ווייסע, „גאָטפּאָרכטיקע" הערצער
מיט בלוט פון אַ שוואַרצן געקוויקט.

פאַרנאַכט האָט מיט אַ שטריק אים „פּאַפּוצט"
דער „מאָב" — און געזונגען דערביי
מיט פרומע, פאַרשלייערטע קוילעס,
דאָס ליד פון די „הייליקע" דריי.

האָט זיך געצויגן דער פּאַקל־פּאַראַד
דורך נאַכט צום לינטש־פּלאַץ אין וואַלד,
איז רויטער פון אַלע שטורקאַצן
האָט ס'צעפּאַלמעסטע רוי־פלייש געשטראַלט.

— — — — — — — — — — — — — —

וויגט דער געהאַנגענער גוף
זיך שטום מיט נאַכטיקן ווינט;
ווײנט הינטער קוסטעס באַהאַלטן
האַלב נאַקעט אַ נעגעריש קינד.

דערטראָגט זיך אַן עכאָ פֿון ווייט
ערגעץ הערט — פֿון יענער זייט נאַכט —
רייסט אויף די וואַלדיקע שטילקייט
דינאַמיש אַ רוף: ד ע ר ו ו ־ ־ א ־ אַ ־ אַ־ כ ט !

און מיטאַמאָל אַף געהאַנגענעם גוף
ס'צינדן די וואונדן זיך אָן:
ווערט אַף שוואַרצער, צעפּאַלמעסטער הויט,
יעדער בלוט־פּלעק אַ פּלאַמיקע פֿאָן . . .

וואָלט גוט געווען

איצט, ווען פרילינג
האָט זיך אין מײַן בלוט צעזונגען,
מאַניען פעלדער, צאַרט מיט יונגער שפּראָצונג,
לאָקן בערג און פריש צעגרינטע וועלדער.
וואָלט גוט געווען איצט ליגן
ביי אַ טייך, אַ זון־פאַרפלייצטן,
און טרוים־געוועבן רויטע שפּינען
פון אַ שטראַלנדיקן מאָרגן.

איז שווער אַצינד —
ווען ס׳בלאַנקט דער האָדסאָן
ווי אַ טייך צעשמאָלצן גאָלד —
זיצן ערגעץ אין אַ שאָפּ אַ בלינדן
און שטיקן זיך מיט שטויב
און רייעך גיפטיקן פון פעלצן!
איז שווערער נאָך אַצינד ווי טאָמיד
איבער אַ מאַשין געבויגן ליגן,
ווען איבער פעלדער יאָגן זיך די ווינטן
און עס זינגט אַראָפּ דער פרילינג
פון אַיעדן ציטערדיקן צווייג.

וואָלט גוט געווען אַצינדערט
אונטער ברייטן, פרייעם הימל,
פריידיק־יונגע טעג פאַרשלינגען
און אין כאָר מיט יאַטן זון־פאַרברענטע
און צעפלאַמטע, בויגעוודיקע מיידלעך
יובל פון דערוואַכטן לעבן
אויסצוזינגען!

זומער אין מאַרקעט

אַוועק איז דער האַרבסט און דער ווינטער
און פרילינג
איז אויך שוין אַוועק;
ליגט ביים יאַם־ברעג, אַ מילדער, דער זומער;
וואַרגט ער
אין שטאָט די טעג.

היים־שטויביק איז דער פּאַריערשער מאַרקעט.
שאַרן דאָרט, שלעפּן זיך טריט.
טומל און שוויים און גערודער
און מענטשן
אַף ראָגן צעשיט.

האָט גענאַרט אונדז דער האַרבסט און דער ווינטער
און פרילינג
געווען איז „טויט"׳;
האָבן פּאָריער געוואַרט אַפן זומער —
דעם זמאַן, וואָס דאַרף ברענגען זיי
ברויט.

פון בלאַסע אינדערפריען,
ביז הייסע מיטאָג־שאָען
און פּאַרנאַכטן פּאַרנע, צערוישטע —
עס שטייען די פּאָריער אין מאַרקעט,
שטייען
און בלייבן אַנטוישטע.

און זומער איז אויבעט נישט אייביק —
כיטרע עס רוקט זיך די צייט —

אַ טאָג און אַ וואָך
און אַ כוידעש —
און ווידער איז האַרבסט שוין נישט ווייט . . .

וואָכן זיינען לאַנג
און ס'שלעפּן זיך די טעג —
נאָר ווער קען דערטראָגן די יאָרן?!
זיינען אַלטע, פון צאָרעס,
צעבראָכן און קראַנק —
און גראָ
אַסאַך יונגע געוואָרן.

„דאַכט זיך —
ווי ווייט פון 1926 ביז היינט?
אָהאָ, איז דעמאָלט געווען אַ צייט!
איז דעמאָלט געווען
אַ יוניע,
אַ ס ט ר י י ק !

און — ווער האָט צעקרישטלט, צעבראָכן!
ווער האָט פאַרראַטן
ווער האָט פאַרקויפט;
ווער האָט מיט באָסעס
ג ע פ ר ע ס ן , ג ע ז ו י פ ט —
און געקאַטעוועט אונז
און געשטאָכן!"

אין מאַרקעט די קלאָרע,
פאַרביטערטע רייד —
מען קען זיי שוין היינט נישט פאַרהערן!

אין שעפער —
רעדיפעס!
אין הײמען! —
נ ו י ט !
און פאָריער הייבן אָן זיך צו ווערן —

האָט זיך נעכטן צעווירבלט די פאָריערשע גאַס,
אַ וואָרט האָט געפּלאַצט,
זיך צעשפּליטערט: —
„ג י י נ ג ס ט ע ר ס !"
און ווי אַ פייער־וואָלקן,
געטריבן פון האַס,
האָבן פאָריער מיט קאַאַס געוויטערט!

אַ מענטשן־כוואַליע,
צעבויטעט, צעפלאַמט,
האָט דעם רוף זיך אַנטקעגן געוואָרפן;
זיינען פויסטן געפלויגן,
בלוט האָט געשטראָמט,
אַף אַרבעטער־ליפּן האָט צאָרן געשוימט —
און פאָריער ק ע נ ע ן באַשטראָפן ——

איז דער ווינטער אַוועק
און פרילינג שוין אויך;
ליגט זומער אַף מאַרקעט און פאַרעט;
האָב איך נעכטן דערזען,
האָב איך נעכטן דערפילט:
עס האָבן די פאָריער
נאָך לאַנג נישט פאַרשפּילט,
זייער קאַמף־גייסט
נאָך לאַנג נישט פאַרזשאַווערט!

דער שטורעם איז נאָענט ..

(צו די מילכאָמע־צוגרייטונגען קעגן ס. פ.)

ערד, פון שראַפּנעלן צעריסענע,
ווײַנט מיט אָפענע וואונדן צום הימל
און ווידערקאָל פון לעצטע זיפצן
שוועבט נאָך
איבער נאַכטיק־שטילע פעלדער.
אין פלאַנדערן,
ביים איסאָנצאָ,
אין טיפענישן פון די קאַרפּאַטן־וועלדער
ציטערט עכאָ פון קאַנאָנען,
איז אָנגעפילט נאָך לופט
מיט אַנגסטן
פון יענע מיליאָנען,
וואָס האָבן דאָרט זיך
אין טייכן אייגן בלוט דערטרונקען.
און איצט,
ווען ס'זיינען פעלדער אָנגעזאַפּט
מיט מאַרך פון יונגע ביינער
און אין יעדן שטיבל
גיסן זיך נאָך טרערן,
שטשירעט — ווי אַ רויבפויגל אַ הונגעריקער —
וועלט־אימפעריע ווידער אירע ציינער,
גרייט זי ווידער אירע מאָרד־געווערן!
איצט
ציט איר בלוט־דורשט זי
צו יענעם גרענעץ,

וואו ס'האָט אַ לאַנד
צו פרייהייט זיך דערהויבן;
ס'שרעקט דאָס ליכט זי,
וואָס שטראַלט
פון יענעם רויטן שטערן
און פאַרטונקלט
אירע גאָלד־באַצירטע שויבן.
איז איר קרומער שנאָבל שוין צעעפנט —
זיינען אירע נעגל שוין צעשפרייט!
נאָר ס'ציטערן נאָך ביי איר די פליגל,
כאָטש איר גאַנצער גוף איז גרייט.
האָט זי מוירע עפעס פאַר דער רויטער זריע,
וואָס זי פילט אין אָדערן פאַרזייט —
האָרכט זי —
איידער זי צעפּאָכעט זיך מיט אירע קרילעס —
צום דראָענדיקן ברום
אין אירע איינגעווייד.

ביינאַכטיקער שפּאַציר

סעקאָנד עוועניו
נאַכט.
לעבן און ליכט
און ביליקע פּראַכט.
קינאָס, טעאַטערס, פּילפּאַרביקע שילדן
ווינקען, רופן דעם אוילעם אין דרויסן:
פאַרפעלט נישט היינט זען
דעם באַרימטן, דעם גרויסן . . .
ס'טרובען די אַוטאָס,
ס'קלינגען טראַמווייען;
ס'דאַכט זיך — ס'וויל איינער דעם צווייטן פאַרשרייען.

צוועלפטע גאַס.
אַ ראָג.
אַ געלע לאָמפּן־קרוין הענגט איבער אַ פּאָרטאַל:
„קונסט"־יאַריד —
קאַפע ראָיאַל.

אַ מעכיצע פון פאַלשע גירליאַנדן —
די גרענעץ־ראַנדן
פון „קונסט" און האַמוין —
און איבער אַלץ
די געלע קרוין.

אין ווירוויך פון פעטע האַוואַנאַ־ציגאַרן,
ביי מאַשקע און פליישן,

ביי קאַווע און טאָרט —
ווערט דאָ פאַרכאַסמעט, פאַרזיגלט דער גורל,
ווערט דאָ געבוירן
דאָס „אידישע וואָרט”.

נ
אַ
כ
ט.

צוויי פלאַמיקע ווייזערס,
איבער שטאָט ערגעץ ווייט,
אַף אַ גליאיקן צירקל ווייזן —
די צייט
— — — — — — — — — — — — —
די לופט איז פייכט
און פאַרנע־שווער;
אַ מידער קום איך צו צום סקווער.
אַ מענטשן־ראָד שטייט קאָפּ אַף קאָפּ —
איינער רעדט —
איך שטעל זיך אָפּ.
ער רעדט מיט קראַפט,
ער רעדט מיט פלאַם;
באַלד הארציק־טיף,
באַלד פול מיט סאַם.
דער אוילעם וואַקסט,
עס וואַקסט דאָס קאָל,
ס'פאַלן ווערטער, האַרט ווי שטאָל:

„צען מיליאָן אָן היימען אָן ברויט!
נ י י ן נעגער־אינגלעך
פאַרמישפּעט צום טויט ! . . .

איך שטיי און הער און זע מיט פרייד:
דער אוילעם קומט,
דער אוילעם שטייט!
און פרעגט מען וואָס —
איז אַפן אָרט
דערקלערט ער מיט זיין קלאָרן וואָרט.
די מאַסע האָרכט און קלאַפּט און שרייט. —
די וויינזערס
פלאַמען אינדערוויים.

איז גוט געווען מיר דאָ צו שטיין.
מיט שפּאַן, אַצינד פון פרייד געשטאַרקט,
ווענד איך מיין טראָט צום נאָענטן פּאַרק.

נ אַ כ ט .
פינפטע עווענין איז שטיל.
קראָמען פאַרמאַכט,
נאָך אַ טאָג פון פאַרדינען.
פענצטער פאַרהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען:
זאָל קיינער נישט זען,
זאָל קיינער נישט הערן,
וואָס ס׳שפּילט זיך דאָרט אָפּ
אין די „העכערע״ ספערן.
דאָרט פעלט נישט קיין זאַך,
אַלצדינג איז פאַראַן,
פון טעפּיכער טיפע ביז ווייכסטן דיוואַן;

פון ווייַן ביז מעטרעסן,
פון גאָלד
ביז קאַוויאַר —
דאָרט הוליעט און שיקערט
דער הערשער, דער האַר!
גאַרדינען באַהאַלטן, פאַרשטעלן די שויבן:
דאָס פאָלק
טאָר נישט צווייפלען,
נאָר שווייגן און גלויבן. —
— — — — — — — — — — — — — — —
האָטעל „פינפטע עוועניו".
האַרט ביי די ראַנדן פון וואָשינגטאָן פּאַרק
הויבט זיך דער בנין
ווי אַ פעלזיקער באַרג.
פּאָרטאַלן באַלויכטן.
ליווריירטע שווייצאַרן
לויפן אַנטקעגן באַדינען די האַרן;
לויפן אַנטקעגן די דאַמען באַדינען,
וואָס רוישן אַריין און אַרויס פון מאַשינען.
ס'בליצן מעשענע קנעפּ —
און פאַרגילדעטע טופליעס;
צילינדערס, צירונג
און כוואַליעס מיט ליכט.
אַלץ פיין, ראַפינירט —
פאַרן „אויבערשטן" שיכט!
און פון שפּיץ פונם בנין,
ווי פון אַ ריזיקן קאַרק,
פיר לאָמפּן וואַרפן
אַ שיין אַפן פּאַרק.

אין האַרץ פונם פּאַרק
אַ גרויער מאָנומענט:
גאַריבאַלדי, פאַרשטיינערט,
מיט שווערד אין די הענט.

ווען היט ער דאָ שטום,
אין פּוסטן דאָס שווערד?
די קויטיקע בינטלעך
צעוואָרפן אַף דר׳ערד!
די קויטיקע בינטלעך
פון הויט און פון ביין,
וואָס קאָרטשען זיך דאָ
אין אַ שטומען געוויין!
דעם פאַרשטויסענעם מענטש,
פון שאַפּ און פאַבריק,
היט ער דאָ אָפּ
מיט זיין שטיינערנעם בליק.
ווי האַרוגים זיי ליגן דאָ אַלע צעשטרעקט,
מיט נאַכט און צייטונג־טאַכריכים באַדעקט:
נישטאָ אין דער רייכסטער מעדינע פון וועלט,
פאַר די מענטשן די בלודנע,
אַ שטיקל געצעלט!
ווען אַרט זייער פּיין,
ווען אַרט זייער נויט —
מעגן זיי אויסגיין
פון בענקשאַפט נאָך ברויט!

נישט קיין מענטשן,
וואָס האָבן אַמאָל
וועגן געפּלאַסטערט,
געפּורעמט דאָס שטאָל;
וואָס האָבן פון פעלדער, פון שאַפּ און פון שאַכט
דעם הערשער, דעם האַר
זיינע אויצרעס געבראַכט!
ניין — „אַלטע שיקורים,
האָלעדריגעס און טרעמפּס,
וואָס האָבן פון אייביק
די מעדינע פאַרשעמט!"

— — — — — — — — — — — — —

היט דער שטיינער וועכטער,
מיט שווערד אין די הענט.
הענגט אין פינצטערן רוים
אַ ציילעם און ברענט:
אַ קירך. אַ הויז
פון „ראַכמאָנעס" און „גענאָד",
שטעקט איר ציילעם־צונג אַרויס,
ווי צום שפּאָט:

איר לעמעלעך בידנע,
אין קויט און אין נעץ:

Behold —
The wages of sin
Are death.

הערט אויס —
„דער סכאַר פון זינד
איז טויט!"

דערפֿאַר מוזט איר אויסגיין
אין דאַכקעס און קויט.
ס׳האָט יעזוס געבלוטיקט אַפֿן צײלעם אַליין,
דערפֿאַר מוזט איר לײַדן,
קעדיי צו זײַן ריין!

ווער זאָגט — דו מוזט אויסגיין!
דו מענטש, דו סקעלעט!
דו כאַפּ אין די הענט
אַ שטאַבע, אַ ברעט!
דו ליג נישט אַף גראָז דאָ פֿאַרטאַיעט,
פֿאַרשמאַכט;
ווי אַ וואָלף אַ צערייצטע,
טו אַ רעווע דורך נאַכט!
די פֿאַנאַרן רײַס אויס
און צינד אָן דײַן בליק,
אַף פּינפּטע עווענױ׳ס גאָרגל
פֿאַרסילע אַ שטריק!
טו אַ שלעפּ,
טו אַ ריס,
טו אַ בים מיט די ציין;
רײַס אויס יעדן ציגל,
גראָב אויס יעדן שטיין!
זאָל אויפגיין געשריי דײַנס
אין בלוטיקן כאָר,
ביז נאַכט וועט געבערן
דעם רויטן קאַיאָר!

דו וואַרט נישט אַף געגאָד:
פאַר זינד זיך נישט שרעק —
דעם ציילעם פאַרלעש!
באַגראָב אים, פאַרמעק!
דו נעם אָן דיין ברודער
פעסט ביי דער האַנט —
אוןביידע אינייגעם
וועט איר אַלץ זיין אימשטאַנד!

נ
אַ
כ
ט.

די קויטיקע בינטלעך צוקן אַף דר'ערד,
זיי הויבן די קעפּ.
זיי שטרעקן די הענט. —
עס הענגט נאָך דער ציילעם אין כאָלעל און ברענט.
נאָר הויך איבער שטאָט
עס גליען פון ווייט,
צוויי פלאַמיקע ווייזערס
און ווייזן — די צייט.

לענין

ל ע נ י ן . — —
וויפל פראָסטער וואונדער
ס'ליגט באַהאַלטן אין דעם נאָמען!
וויפל שטילע טיפקייט,
וויפל שוימענדיקע פרייד!
קיינמאָל נאָך
איז אַזוי אַ זריע אויפגעגאַנגען,
ווי דאָס וואָרט,
וואָס לענין האָט פאַרזייט!

האַרט ביי דער ערד איז ער מיט אונז געגאַנגען —
פ אָ ר ו י ס ג ע ג אַ נ ג ע ן — —
איבער שטיינערדיקע וועגן,
דורך שטורעמס — —
האַגלענדיקע מיט פייערדיקן טויט!
שטענדיק אונז פאָרויס געגאַנגען!
און איך סאַמע ברויז פון שלאַכטן
אָנגעצייכנט:

ל
ע
נ
י
ן! — —

אַזוי וועט זיין
די נייע וועלט געבויט!

ס'האָט אַ וועלט
דעם נאָמען אויפגענומען
און צעטראָגן

— — איבער יאַמים, איבער טאַיגעס, שטעט און סטעפּ.
וועלן דוירעס אָפּגיין,
וועלן דוירעס קומען —
און יעדער דאָר
אַלץ העכער, העכער
שטייגן וועט
אַף לענינס זון־באַגילדטע,
לענינס קלאָרע טרעפּ!

ל ע נ י ן ! — — —
נישט אין פרומער ערפאָרכט
שעפּטשען מיר זיין נאָמען.
נישט מיט קאָל פאַרשטיקטן
פון הילפלאָזן געוויין.
נ י י ן ! —
אַף פלאַמיקע פאָנען
אין שלאַכטן־געוויטער,
אין בלוטיקע טעג,
ווען קאָנטינענטן ברענען —
שליידערן מיר
דעם דינאַמיט פון זי[illegible]ערטער —
דאָס
איז אונזער מאָנומענט פאַר
כ א ַ ו ו ע ר ל ע נ י ן !

שיקאַגאָ

רייכסטע שטאָט פון אילינאָי — שיקאַגאָ —
וויסטער קאָכנדיקער אָרט
פון שוואַרצן מאָרד און אונטערוועלט,
וואו יעדער גענגסטער
איז אַ העלד.
לעיק מישיגען
באַצירט דיין גלאַנציקסטע פּאַסאַדן־קייט
מיט ברייטן, בלישטשענדיקן זילבער־פּאַס
און נאַרט דאָס אויג אַוועק
פון כווישעכדיקער אונטערגאַס;
פון דאָרט,
וואו הייזער שטייען קרומע,
האַלב־צעפוילטע
און פּענימער פאַרקוילטע, אַשיק־גרויע,
וויזן אָן דעם שליסל
צו דיין רייכן טויער.

סאָוט דירבאָרן גאַס:
אַ נעגער־פרוי זיצט פאַר אַ הויז
און לאָזט איר האַס
אין טרערן אויס.
איר הילפלאָז־טאפנדיקן האַס —
צום רייכן קלאַס.

וואָס וויינט זי דאָרט, די נעגער־פרוי,
דעם קאָפּ צווישן דאַרע הענט?! —

פיר ווענט און אַ דאַך,
דאָס איז נישט קיין סאַך,
פאַר איינעם וואָס אַרבעט
יאָר־אויס און יאָר־איין;
וואָס פארעט דאָס גרעט
און שקראָבעט דעם דיל,
וואָס האָט נישט אַ מאַלבעש
— אָן אַ ריס, אָן אַ צויט
און גייט צומאָל אויס
נאָך אַ פיסנעם שטיק ברויט. —

ווינציק צו האָבן —
דאָס אַליין איז שוין נויט.
נאָר גאָרנישט — גאָרנישט
איז ביטער ווי טויט!
פיר ווענט און אַ דאַך
דאָס קאָסט נישט קיין סאַך.
נאָר האָסטו פאַר „לענדלאָרד״
אין צייט נישט דאָס געלט —
איז היידאַ, מיט אַלץ וואָס דו האָסט אין פאַרמעג,
אַרויסגעשטעלט דיך
אַף אָפענעם וועג.

זיצט זי, די פרוי,
פאַרן הויז דאָ אַצינד
און ס'ווערן פון וויינען די אויגן איר בלינד:
— וואוהין זאָל זי גיין מיט אַלץ וואָס זי האָט?! —

ס'וועט קיינער איר,
קיינער
נישט העלפֿן אין שטאָט!

נאָר פּלוצים —
אַ מאָדנע וועלט עס איז היינט —
אָט קומען אָן מענטשן מיט ווערטער פֿון פֿריינט;
און הויבן אָן טרייסטן
און שלעפּן צוריק
אין הויז אַריין זאַכן
אַ שטיק נאָך אַ שטיק.
זי ווייס נישט:
צי איז עס אַ נעס,
צי אַ שפּאַס —
צעוויגט אַף אַמאָל אַרום איר
איז די גאַס,
און מערער אַלץ מערער
זיי קומען צוגיין —
שוואַרצע און ווייסע
אין געשלאָסענע רייען.

שטייט זי פֿאַרכידעשט:
עס שטראָמט איר אַנטקעגן אַזאַ פֿריידיק געזאַנג —
זי איינע! —
און זיי אַלע — דאָס פֿילט זי —
מיט איר!
קוקט זי מיט גלאַנציקע אויגן
און זעט —
ס'פֿאַשווינדט שוין איר מעבל
אַף יענער זייט טיר!

נאָר ווי איז צו יענעם,
וואָס רירט אָן דאָס „רעכט"
פון דעם, וואָס אַנטשיידט —
וואָס גוט איז, וואָס שלעכט.
פון יענעם, וואָס שטיקט
מיט אַ בלוטיקער האַנט
דעם פונק, וואָס זשאַרעט
און רייסט זיך צום בראַנדט.

איז אין שיקאַגאָ —
ביז איצט
נאָך אַזוינס נישט געווען —
כאָטש אַרבעטער־בלוט
האָט די שטאָט שוין געזען! —

האָט אַ געוויטער צעטרייסלט סאוט דירבאָרן גאַס,
געסוויסטשעט אַרום האָט אַ האָגל פון בליי;
ס'האָבן שויבן געטראַסקעט,
געברעקלט זיך ווענט; —
אין מעשוגענעם ווייטיק געצוקט האָבן הענט
און צעריסן די לופט
האָט אַ וואונדיק געשריי!

סאוט דירבאָרן גאַס:
ווינט האָט צעבלאָזן
פון פולווער דעם דאַמף —
דריי אַרבעטער — טויטע!
געפאַלן אין קאַמף!

דריי אַרבעטער טויטע!
מיט לעכער אין לייב! —
פאַר העלפן אַן אָרים, נעגעריש ווייב!

ווילד שטאַרן אויגן פון לעכער אַרויס.
צאָרן גראָבט נעגל אין אייגענער הויט.
דאָס אַרבעטער־בלוט אַפן ברוק אַזוי רויט —
עס שרייט
נאָך טויזנט־פאַכיקן טויט!

איז אין שיקאַגאָ
ביז איצט
נאָך אַזוינס נישט געווען.
נאָר מער,
אַ סאַך מער
וועט שיקאַגאָ נאָך זען!
דאָס בלוט
שווענקט וואַסער אַרונטער פון ברוק. —
נאָר ס'לאָזט זיך פון יאָר נישט פאַרמעקן אַ טאָג! —
וועט בלייבן אַזוי שוין,
אין רויטן אַרכיוו,
סאוט דירבאָרן גאַס
אַף אַן אייביקן בלאַט.
וועט שיקאַגאָ נאָך הערן,
וועט שיקאַגאָ נאָך זען:
דאָס נעגערשע בלוט
האָט אַ טיקן געהאַט. —

וויסן זאָל וועלט

1

ווען פול ביזן ראַנד שוין איז ביטערער בעכער,
און צו לאַנג שוין האָט צאָרן דערשטיקטער געשטומט,
דאַן הויבט אויף זיין קאָל דער מענטש, דער באַשאַפער,
און מאָנט מיט געביילטער פויסט וואָס אים קומט.

האָט איבער פינצטערע שאַכטעס אַ רוף זיך צעטראָגן —
האָבן צעפיבערטע רייד זיך אין אויגן צעברענט:
גענוג שוין דאָ דימענטן שוואַרצע געגראָבן
און מיט קלאָלעס צעברעקלט די קוילִיקע ווענט!

ס'לויערט דאָך טויט דאָ אין יעדער קאַנורע
און שווער איז די פּיק־האַק אין הונגעריקער האַנט,
איז זאָל אונזער קאָל, ווי אַ פלאַמיקע בסורע,
צעוויגן מיט פרייד און מיט אומרו דאָס לאַנד.

זאָל קינד און קייט פון גרעבערשע שטיבער,
דעם קויליקן שטעך פאַרפלייצן מיט שלאַכט;
מאַסע — צעכוואַליעט איבער שאַכטעס און גריבער —
זאָל ווייזן דער וועלט, אַז גרעבער דערוואַכט.

2

האָט ווער שוין געזען אַז בורזשוי זאָל פאַרגעבן
ווען אַרבעטער מאָנט מיט הונגעריקן קאַאַס?!
ס'צעשפּילט זיך אַ קאַמף אַף טויט און אַף לעבן —
און הויעך צעפלאַקערט זיך בלוטיקער האַס.

צעשויבערן איצט שלאַכטן קענטאָקי, אָהייאָ —
קנעט מען מיט בלוט דאָרט דעם קויליקן שטויב;
סוינע — אַ ווילדע, צעיושעטע כאַיע —
האַלט שפּיציק דאָס שווערד פון מאָרד און פון רויב.

האָבן מיר לידער בלויז, פויסטן און שטיינער —
איז סוינע באַוואָפנט מיט ביקסן און שרויט;
נאָר דאַרף מען — איז קעמפט מען מיט נעגל און ציינער
און וואַרפט זיך ווי העלדן אַנטקעגן דעם טויט.

בלייבט ליגן אַ ברודער, פון קוילן צעלעכערט,
שטויסט הייסער צום זיג נאָך געהאַרגעטער גוף:
ווי אַ וויכער אַ בייזער ס'צעוויגט זיך נאָך העכער,
דער דראָענדיק־הונגעריקער, הייזעריקער רוף:

זאָל קינד־און־קייט פון גרעבערשע שטיבער,
דעם קויליקן שעטעך פאַרפלייצן מיט שלאַכט!
אַרויס, אַרויס פון שאַכטעס און גריבער —
און וויסן זאָל וועלט: ס'האָט גרעבער דערוואַכט!

אַ געשפּרעד

װער איז ער אַזוינס, װאָס איז ער אַזוינס,
דער הויכער באָכער, מיט פּלײצעס מיט ברײטע;
מיט צװײ ליכטיקע אויגן אין אַש־גראָען פּאָנים —
אין צעשליסענעם אָנצוג און שקראַבעס צעדרײטע?

ס'איז קײנער, ס'איז איציק, דער יונגער אַפּרײטאָר,
װאָס האָט שוין פאַרגעסן װי ס'זעט אויס אַ נאָדל.
געװען ערשט נישט לאַנג אַ באָכער, אַ קנאַקער,
אַ שיסער, אַ „ספּאָרט", געלעבט װי אַ גאָדל!

כ'מײן װאָס האָט אים געפעלט, אַזאַ יונג אַ געזונטן —
צװײ גילדענע הענט, נישט קײן װײב, נישט קײן צאָרעס;
האָט ער געאַרבעט, פאַרדינט, געלעבט און געהוליעט —
און געשלאָגן מיט אַלץ און מיט אַלעם קאַפּאָרעס!

נאָר איצט איז אים ביטער, אוי, ברודערל, ביטער!
ס'איז אויס מיט די „דזשאַבס" און אויס מיט די „פּײדעס"!
געװאָרן אַ רויטער, גאָר אַן אַנדערער איציק —
און קומט איצט אין „מאַרקעט" גאָר האַלטן שוין רײדעס!

ס'גערדאַרפט הערן אים, ברודערל, נעכטן בײם „קאָרנער",
געדאַבערט דיר, הערסטו — אַ צונג װי אַף שרויפן!
מיר זאָלן שוין — זאָגט ער — נישט שטײן װי די שעפּסן
און פון די געלע פּאַסקודסטװעס זיך לאָזן פאַרקויפן!

מיר זאָלן שוין — זאָגט ער — דערזען און דערקענען,
װער ס'מײנט אונזער טובֿה און װער ס'װיל אונז באַגראָבן!
איר װײסט דאָך אַלײן שוין נישט — טײנעט ער היציק —
צי איר װעט מאָרגן אַ ניקל אַף „קאַרפער" נאָך האָבן!

אָט — זאָגט ער — נעמט מיך אַליין פאַר אַ מאָשל:
געמיינט שוין כ'האָב אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּאָלעס —
געאַרבעט, פאַרדינט, נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט —
אוים! באַפרייט זיך אין „גאָלדענעם לאַנד" פונם גאָלעס!

איר ווייסט דאָך — איינעם, אַז ס'גייט גאָרנישט ניט אָפּעט,
מיינט ער — אַן עק, די וועלט איז שוין זיינע —
מעגסט צו אים ריידן, אים האַקן אין מויעך,
ער לאַכט זיך דיר אוים און האָט נאָך אַ טיינע:

אייסעך, ביזט פויל, ביזט נישט קיין „מעקעניק";
אין שאַפּ דאַרף מען „מאַינדן" די אייגענע „ביזנעס".
נישט שייך, אַז אַ מענטש טוט אָפּ זיין טאָג אַרבעט,
קריגט ער באַצאָלט און קומט נישט מיט פּיזמעס!

נאָר — זאָגט ער ווייטער — לאָזן זיך אוים די גדולעס
און מען דאַרף אָנהויבן — זאָגט ער — גיין קלאַפּן אין טירן
מען דאַרף אָנהויבן — זאָגט ער — אין „פלאַפּהייזער" שלאָפן
און פון הונגער אין טאָג — זאָגט ער — דריי מאָל קרעפּירן.

נו, דעמאָלט רייסט מען שוין אויפעט די אויגן
און הויבט זיך אָן גריבלען — און הויבט אָן צו טראַכטן:
„הו איז טו בלעים?" — ווער איז דאָ שולדיק? —
און ס'גייט אויף אַ ליכט אינם קאָפּ דעם פאַרטראַכטן!

און שולדיק — זאָגט ער — איז טאַקע אַלצדינג מיט אַלעם,
ס'הייסט: ס'איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק די גאַנצע סיסטעמע —
מיר מוזן זיך — זאָגט ער — אויסלערנען קעמפן
און די גאַנצע מעמשאָלע אַ ל י י ן איבערנעמען!

פיר אַרבעטער — זאָגט ער — מוזן זיך האַלטן אינײנעם,
אַנטקעגן די באָסעס, די גרינס און מעקגריידיס —
און פּאַריאָגן זײ — זאָגט ער — מוז מען מיט מײסים,
מיט סטרײקס, מיט קאַמפן, און נישט בלויז מיט רײדעס!

וואָס זאָל איך דיר זאָגן — אַן אַנדערער איציק!
אַ מעכאַיע בײם „קאָרנער" צו שטײן און אים הערן.
און דאָס וואָס ער זאָגט וועגן די געלע פּאַסקודסטוועס,
נישקאָשע, שוין צײט וועגן דעם זיך אויכעט באַקלערן!

באַוויַיז זיי ווער דו ביסט!

אַ נאַכטיק־פּוסטע גאַס.
אַ קאַלטער, שאַרפער ווינט..
דער, וואָס האָט פיר ווענט,
דער היט זיי אָפּ אַצינד.
דער, וואָס האָט אַ היים
און ס׳פעלט אים נישט קיין זעט, —
ליגט וואַרים־איינגענורעט,
פאַרלאָזט איצט נישט זיין בעט.

איז ווער־זשע שאַרט זיך דאָס
אין שפּעטער נאַכט ביי ווענט,
און זוכט אין אָפּפאַל פעסער
מיט לאַנגע, זשעדנע הענט?
און קוקט זיך אַלץ אַרום
מיט פאַרכטיק־ווילדן בליק,
ווי אַ געיאָגטער מערדער,
וואָס ציטערט פאַרן שטריק?

סטרייבט אים קיינער דאָך.
די גאַס איז טויט און פוסט.
איז וואָס־זשע כאַפּט ער זיך
מיט הענט אַלץ פאַר דער ברוסט?
איז וואָס־זשע פאַרפלט ער,
דער מענטש, אין פעסער שמוץ,
קראַצט מיט זשעדנע פינגער
און זוכט מיט אויגן שוץ?

דאָס קראַצט ער אָפּ דעם ברוד
פון ביינער, אַלטן ברויט!
דאָס זוכט ער, ברודער, שפּייז —
שפּייז אין פּעסער קויט!
און קיינער טרייבט אים נישט —
דאָס טרייבט ער זי דאַליין,
דאָס טרייבט ער זיך אַליין,
אַ ווייבס, אַ קינדס געוויין.
וואָס וועט אַ מענטש נישט טאָן,
ווען פיבער שפּאַלט דעם קאָפּ;
ווען הונגער שניידט אין בויך,
שטעלט אָפּ פון האַרץ דעם קלאַפּ!
שטאַרבן — ס'ווילט זיך נישט!
לעבן — נישט אין שאַנד!
דערלאָזט אים נישט זיין שטאָלץ
גיין אויפהייבן אַ האַנט!

און — ווי קען ער דען, אַ מענטש —
אַ מענטש מיט שטאַרקע הענט,
אין מיטן העלן טאָג,
גיין שאַרן זיך ביי ווענט;
פאַר יעדן אין די אויגן
גיין פּאָרפּלען זיך אין קויט
און גריזשען ווי אַ הונט
אַ שטיק געפונען ברויט?

אַז אַרבעט גיט מען נישט —
און עסן איז נישטאָ —
טרייבט דער הונגער אים
צו אָפּפאַל־פּעסער דאָ!

איז איצט, אין שפּעטער נאַכט,
ווען גאַס איז פּוסט און וויסט,
זוכט ער זיך זיין שפּייז —
אין שטינקענדיקן מיסט!

עי, דו — דו מענטש,
דו, וויסטער ברודער דאָרט!
צי טראַכסטו נישט ווען ס'איז,
אַז ע מ י ץ טרייבט דיך פאָרט?
עמיץ מיט אַ קנאַפּל,
אַן אומזיכטבאַרן שווערד —
צעשניידט דיר דיינע יאָרן
און דריקט דיין קאָפּ צו דר'ערד?
צי האָסטו נישט ווען ס'איז
אין בלוט דערפילט דעם קאַאַס
פון נויט־פאַרסאַמטע טעג,
טעג פול ווילדן האַס?
און זאָג — צי האָסטו נישט
דיין סוינע וואו דערקענט?
דו טראָגסט אים יעדן טאָג
פאַרקויפן דאָך די הענט!

איז וואָס־זשע בלאָנדזשעסטו
אַליין, פאַרשעמט, דורך נאַכט?
פאַראַן אַ זון אַף וועלט
דו שטעל זיך אָפּ און טראַכט!
נישט זוך דאָ איינגעבויגן
דיין ברויט אין פעסער מיסט!
דו גלייך דיין פלייצע אויס
און ווייז — באַווייז זיי ו ו ע ר ד ו ב י ז ט.

שים!

דאַכט זיך פּעל, פּראָסטע פּעל.
דאָ אַ פּליכל, דאָרט אַ ריס.
נאָר קוים סאָרטירט און צוגעשניטן,
איז — „נאַ, אָפּערייטאָר, שיס!"

„אָט אַזוי, דעם „טענשאָן" האַרטער,
מאַך די צאַקן גלאַט און דין.
„מעינטיינג": פּלעכט נישט איין קיין הערלעד
און פאַרקראַפּע נישט דעם „סים".

„אויב געניית, זאָל זיין געפּאָרן,
די מאַשין זאָל גיין „לאַיק העל".
שלעכטע צייטן! אַן „אָפּריטער"
מוז היינט זיין אי גוט אי שנעל".

שיס, אָפּריטער, ניי וואָס גיכער!
אַ באַפּעל פון „באָום ענד גרין",
ווער איך באַלד אַ קישעף־מאַכער
און ס'צעזינגט זיך מיין מאַשין.

שאַרף דאָס מעסער, „פּינטשער" שפּיציק,
שנייד, און פלינק די האָר פאַרשאַר. —
אויב געניית, זאָל זיין געפּאָרן...
קריגסט באַצאָלט דערפאַר!

„פּלענטי פערד פאַראַן אין מאַרקעט".
באַלעבאָס רעדט גיפּטיק־זים.
ליג־זשע איינגעלייגט אין דרייען,
פרעג קיין שיילעס נישט און שים!

דאַכט זיך, פּעלצן, טויטע כאַיעס,
אָבער, ברודער, סאַראַ ציין!
יעדער צאַקן אין דעם לעדער —
קען אַ בים טאָן ביזן ביין.

יעדער צאַקן אין דעם לעדער
לאָזט אַ שראַם אַף דעם געמיט!
ער, אַפּרייטער, כאַוער מיינער,
ווייסט דאָך ווי עס בריט.

עט, אַזוי אַמאָל אַ זעץ טאָן
מיט געצייג און פּעל צום דיל!
„אויב גענייט, זאָל זיין געפּאָרן..."
וויפל איז דער שיר?

„פּלענטי פערד פאַראַן אין מאַרקעט"! —
טרעט מען, כאַווער, דיך מיט פּיס —
ער, אַפּרייטער, אויב געשאָסן
איז געשאָסן — — — שים!

זומער

אַף ברייטע פעלדער
וויגן ערגעץ גאָלדיק מיטן ווינט זיך איצטער זאַנגען.
לאָקט מיט צווייגן טונקל־גרינע
ערגעץ שאָטנדיק אַצינד אַ וואַלד;
פרייכט מיט גליענדיקן אָטעם מעטראָפּאָליע
און אַ בייסנדיקער רייעך
זעצט פון אויפגעלאָזטן, שטאָטישן אַספאַלט.

שווייסיק־בלאַסע
שלעפּן מענטשן זיך דורך גאַסן —
האָרעפּאַשניקעס וואָס זוכן זייער „גליק" —
איז ווען בעסער איצט,
אין געהענעמס פייער,
זיי — צי די,
וואָס וואַרגן זיך
מיט איפּעש פון פאַבריק?!

אַ גאַנצן ווינטער
בין איך פוסט־און־פּאַס אַרומגעגאַנגען;
אין קעשענע — צוויי קאַלטע,
אַרבעט־זוכנדיקע הענט;
האָט מאַשין מיך ווידער צוגעקאָוועט,
איצט — ווען ס'האָט טאַמעז זיך מעשונעדיק צעברענט.

גליט אַ גאַנצן טאָג אַ ליכט
האַרט ביי מיין פּאָנים,
יאָגט מאַשין
און פּעלצן פאַלן אויפגעגנייט פון מיין האַנט:
גיכער, גיכער!
דאַכט זיך —
ס'ווערן מענטשן ערגעצוואו פאַרפרוירן,
דאַווקע איצט, אין גליענדיקן זומער־בראַנד.

גיכער, גיכער!
שאַף האָט ניט קיין צייט פאַר אָפּשטעל,
גאָלד איז יעדער אויגן־בליק!
איז ביטער איצט
זיך שלעפּן איבער געהענעמדיקע גאַסן
און ביטערער נאָך —
אין אינפערנאָ פון פאַבריק.

ביים מאַשין

זשזש . . . קררר . . .
זשזש . . . קררר . . .
באַלד הורקענדיק,
באַלד גלאַטיק־דיק,
גראַגערט, זשומעט די מאַשין.

היין און קריק —
די נאָדל שנעל;
שוואַרצע פֿאָדים
העפֿט די פֿעל.
הענט פֿאַרהאָריקט,
רעדל בלאַנק;
ווען מען אַרט דאָ פֿעלצנגעשטאַנק!
ווען מען אַרט דאָ
שוויים און ברוד!
האָסטו אַרבעט —
איז דיר גוט!
נישט דו טראַכסט
און נישט דו רעדסט —
נאָר „געשאָסן",
נאָר געזעצט.
נאָך אַ צינגל,
נאָך אַ פֿעל . . .
„נאָך נישט פֿאַרטיק —
וואַטאַהעל!!"

טיף אין בלוט:
אַ ריס. אַ ברי.
טוען הענט זיך אַ צעפּלי.
טוט מאַטאָר זיך אַ צעברום
און די ליפּן — שטום.
נאָר „געשאָסן",
נאָר געזעצט —
נישט דו ענטפערסט,
נישט דו רעדסט.
נאָך אַ נאָט
און נאָך אַ צאַק,
און די נאָדל פּלוצים — קנאַק!
מיט די ציין —
אַ קריץ, אַ שטשיר —
שוין אין האַנט דער שרויפנציער;
שנעל דאָס שרייפל אויפגעדרייט —
טראַכסט:
ס'איז עפּעס נישט געניט . . .
כאַפּסט אַף זייגער שנעל אַ קוק:
נישט געמאַכט אים היינט גענוג . . .
„מיסטער הוירש!
אַ נאָדל, פּליז!"
און דערווייל — אַ שטרעק די פיס;
געכאַפּט אַ בליק צום צושניידטיש
און מיט האַנט — דעם שווייס אַ וויש.

„האַקסט די נידלס!
טאָסטע, נו”.
ברענגט דער באָס אַ נאָדל צו.
„היינט די פּערטע”, דראָט ער בייז:
„ס'ט האָבן, באָי, אַ גוטע קעיס!”

פלינק די נאָדל איינגעשרויפט —
ברומט שוין דער מאָטאָר און לויפט.
הין און קריק —
די נאָדל שנעל;
שוואַרצע פאָדים
העפט די פעל.
הענט פאַרהאָריקט —
רעדל בלאַנק, —
וועמען אַרט היינט פעלצגעשטאַנק!
וועמען אַרט היינט שוויים און ברוד!
היינט איז פרייטיק —
היינט איז גוט!
שלינג אַרונטער,
זיק און שווייג.
היט די רעגע —
ס'קומט דיין צייט!!

געפונען דעם וועג

אַ מישפּאָכע פון זעקס —
און דער טאַטע איז טויט: —
צוואַנציק יאָר לאַנג געטריבן אַ „טים".
צוואַנציק יאָר לאַנג געהאַלטן די לייצעס,
געזעסן אַ שווערער אַף הויכן וואָגן;
געדזשוויגעט די זעק אַף מעכטיקע פּלייצעס;
געדזשוויגעט אַרויף און אַראָפּ פונם וואָגן —
אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך צום קיווער דערטראָגן.

האָט אין אַ דירע אַן ענגער
צעלייגט זיך די שטילקייט. —
געבליבן — אַ מאַמע מיט פינף קליינע קינדער;
אויגן פאַרוויינטע, אַ פאַרהאַנגענער שפּיגל;
געבליבן דער אָטעם פון טויט אַף זעקס מענטשן,
ווי אַ קאַלטער, פאַרגליווערטער זיגל.

און שנעל גייען טעג.
און שנעלער נאָך וואָכן. —
שטייט שוין די מאַמע מיט פינגער פאַרבראָכן.
שטייט שוין די מאַמע
מיט ציטער אין האַרצן:
פון הונגער און קעלט
זיצן קינדער פאַרשטאַרצטע!
קינדער, וואָס ווייסן נישט וואָס איר צו זאָגן,
זיצן דערשלאָגן, פּיסקלעך פאַרקרימטע.

זיצן, קוקן אַף איר, אַף דער מאַמען,
און קענען דאָס בליפּען, וואָס וואַרגט זיי,
נישט צאַמען.
וואָס טוט נישט אַ מאַמע
פאַר אייגענע קינדער! —
וואָס וואָלט נישט אַ מאַמע פאַר קינדער געגעבן!
ס'איז יעדעס אַ טייל דאָך,
אַ שטיק פון איר לעבן!
לויפט זי און זוכט.
נישטערט און פרעגט —
צו ווייט נישט קיין גאַס;
צו לאַנג נישט קיין וועג.
דורך שלאָפלאָזע נעכט —
עס האַמערט אין שאַרבן:
די קינדער
זיי וועלן פון הונגער מיר שטאַרבן!
נישטערט זי, פליט זי —
נאָר ווער דאַרף זי האָבן!
ס'האָבן צאָרעס
שוין קאַרבן אין פּאָנים צעגראָבן.
רויט זיינען אויגן,
קרומלעך די פּלייצע. —
ברעכט זי די פינגער:
ווער גיט אַן אייצע!
פאַרגליווערט, אין בענקשאַפט נאָך פייער פון קוילן,
כמורעט אין שטוב אַ פאַרקריפּלטער אויוון.
אינדרויסן האָט פראָסט זיך צעסקריפּעט מיט ציינער,
בייסט זיך דורך שויבן
און קריכט אין די ביינער.

שלוכצט זי, די מאַמע,
מיט פינגער פאַרבראָכן —
נישטאָ מיט וואָס הייצן!
נישטאָ וואָס צו קאָכן!

נאָר אַרבעטער־מענטשן, וואָס האָבן שוין גאָרנישט;
וואָס טראַכטן:
מיר האָבן שוין קיינעם!
זיי האָבן נאָך אַרבעטער־שכיינעם!

דערהערט מען, דערשפּירט מען —
דורך שפּאַרעס פון טירן: —
עס הונגערן קינדער אין שטוב דאָרט
און פרירן!
די מאַמע — זי וויל נישט דעם נאָמען פאַרשעמען;
וויל אַרבעטן בלויז,
נישט בעטלען ביי יענעם!
דערוויסט זיך אַ שאָכן —
טוט אַ ברי אים ביים האַרצן. —
ס'דערמאָנט זיך אָן אייגענע
הונגער־טעג שוואַרצע! —
— געשטאָרבן דער טאַטע;
ז י י ו ו י ל ן לעבן!
דאַרף זיי די שטאָט איצט
דאָס נויטיקסטע געבן. —

זיינען איינמאָל אין הויז
צוויי פרויען געקומען.

צוויי הויעכע ווייבער, מיט פענימער קרומע.
אײנע איז געשטאַנען —
אַ מומיע אַ שטײפע. —
די צווייטע, מיט אַ פינגער אַפן ווענטל פון בעט,
האָט די דירע געמאָסטן
און בעאיים מייסע גערעדט:
שוין איינמאָל געווען דאָ;
אייך אין הויז נישט געטראָפן. —
(און זי וועגט מיט די אויגן
אַ שיסל קאַרטאָפל.)
ווי זאָגט איר? — געווים,
אייער מאַן איז געשטאָרבן.
מיר'ן זען פאַר אייך טאָן עפּעס,
זען עפּעס פּוילן.
(און איר אויג רוט פאַראַקשנט
אַף אַ קעסטל מיט קוילן.)
און איר אויג צו דער צווייטער
טוט פאַרגאַנוועט אַ וואונק —
און יענע — גלייך גאָרנישט —
קוועטשט אַ באַק מיטן צונג.
די מאַמע דערזעט,
דערפילט וואָס זיי טראַכטן:
— אָט־דאָס —
אָט־דאָס האָט מיין שאָכן געבראַכט.
— אַוואַדע — אַ־זוי־אַ־ד־ע —
און מיט אַ וויכטיקן זשעסט:
„גודבאַי ענד גוד לאַק.
ווי'ל טריי אוער בעסט."

„גודבײַ ענד גוד לאק.
װי׳ל טרײ אוער בעסט.״
און שאַרפער װערט הונגער
און װילדער די פּרעסט.
ס׳שליסן זיך טעג
אין אַ פּראַקטיקער קײט
און דיקער אַף שױבן
װאַקסט קװײט אַף אַ קװײט. —
עס שנײדן זיך װאָכן
אין װינטער אַרײַן —
װער זאָגט איר, דער מאַמען,
װאָס װײטער װעט זײַן!
און קינדער —
װאָס קענען דען קינדער באַקלערן —
זײ װאַשן די הענט פון דער מאַמען
מיט טרערן. —
זײ עסן דאָס האַרץ איר׳ס —
און צינדן אַ האַס:
„גודבײַ ענד גוד לאק — ״
סאַראַ בלוטיקער שפּאַס!

און שנעל גײען טעג
און שנעלער נאָך װאָכן. —
שטײט נאָך די מאַמע מיט פינגער פאַרבראָכן;
שטײט נאָך די מאַמע מיט ציטער אין האַרצן.
פון הונגער און קעלט
זיצן קינדער פאַרשטאַרצטע . . .

בורזשואַזע סאַמאַריטאַנער

1

נאָך אַ הונגעריקן טאָג אַף ווינטערדיקע גאַסן,
מיט קליידער און שיך צעדרייט און צעווייקט,
איז שמועל זיך פאַרקראָכן ביינאַכט אין אַ „צימער"
און מיט מויעך פאַרטעמפּטן זיך שלאָפן געלייגט.

פאַרטאָג האָט ער פּלוצים פון שלאָף זיך צעוועקט,
מיט אַ צעזשומעטן קאָפּ, אַ סאַרפּען אין האַלדז.
איבערן לייב אַ דראָזש נאָך אַ דראָזש האָט געריזלט,
ווי זינדיק וואַסער, ווי אַ טייכל אַ קאַלטס.

זיין בליק, פאַרנעפּלט, האָט איבערן צימער געוואַנדערט —
די שלייפן פאַרפרעסט אין ציטריקע הענט —
פאַר די אויגן, פאַרהילט, ווי אין אַ שלייער אַ גרויען:
דאָס טישל, דער שטול און די נאַקעטע ווענט.

די צונג האָט געקלעפּט אַ שווערע צום גומען.
אין מויל האָט געקלאַפּט אַ צאָן אַף אַ צאָן.
די לעצטע מאַטבייע באַצאָלט פאַרן צימער —
האָט שמועל זיך געפרעגט: און איצטער וואָס טאָן . . .

די שטאָט — אַ וואַלד מיט ווילדפרעמדע מענטשן;
און הילפלאָז בלאָנדזשעט זיין בליק איבער ווענט.
קומט אויס: פאַרוואַרף דעם קאָפּ דאָ און פייגער,
אָדער — מאַכן אַ סאָף מיט די אייגענע הענט.

2

זיצט שמועל אױפֿן בעטל, ציטערט אין פֿיבער
און רעדט צו זיך שטיל, מיט פֿאַרכריפּעטן קאָל:
„וואָס וועל איך דאָ אױסגײן אַלײן אין יעסורים?
בעסער פּרואוון זיך אָנטאָן און גײן אין שפּיטאָל.“

די קלײדער, נאָך פֿײַכטע פֿון נעכטיקן רעגן;
די שיך און שקאַרפּעטן פֿון נעכטן נאָך נאַס;
טוט ער זיך אָן, מיט ליפּן פֿאַרקלעמטע,
און שטאָלפּערט די טרעפּ אַרונטער אין גאַס.

שמועל איז אַ פֿאַרבער, און פּיס זײַנע — פֿעסטע.
ער האָט זײ אױף לײטערס געלערנט זײַן שטאַרק.
נאָר איצט — יעדער פּוס אַ וואָגיק שטיק אײַזן!
און קאָפּ אױף די אַקסלען — שווער ווי אַ באַרג.

מיט מי, ווי אַ שיכּער, קוים זיך דערשלעפּט שוין.
אין שפּיטאָל־קאָרידאָר זיצן מענטשן אױף בענק.
מ׳גיט אים אַ נומער, מ׳הײסט אים זיך זעצן:
ער איז דאָ נישט אײנער אַלײן מיט זײַן קרענק . . .

זיצט ער, מיט אױגן פֿאַרזשמורעטע פֿון פֿיבער,
אַ פֿײַער אין האַלדז, אין די שלײפֿן — אַ האַק.
אַ שוועסטער, אין ווײַסן, רופֿט נומער נאָך נומער —
שטײַף און געמאָסטן, ווי אַ כאָסן אין פֿראַק.

3

אַ שאָ נאָך אַ שאָ קריכט אַוועק ווי אַף הרודעס.
ביי שמועלן דער קאָפּ — ווי פאַרשטייפט אין אַ קייט.
מ'רופט אויס זיין נומער — דערהערט ער אַן עכאָ, —
קוים וואָס ער שטעלט זיך, קוים וואָס ער גייט.

אַ ווייסער כאַלאַט שווימט אַפיר פון אַ נעפּל.
שמועל שטייט מיט אַקסל געלענט אָן דער וואַנט.
צוויי קאַלטע אויגן קוקן דורך ברילן.
עס ווייזט אַף אַ שטול דער זשעסט פון אַ האַנט.

ער פילט — צוויי פינגער באַרירן זיין שטערן.
אַ שטים הייסט דאָס מויל אים צעעפענען ווייט.
אַף טרוקענער ליפּ זיין צונג הענגט אַ שווערע.
און פּלוצים: אַ קאָל, ווי דער קנאַל פון אַ בייטש.

טוט שמועל אַ צוק, צעוועקט און דערשראָקן,
הערט ווי עס רייסט זיך ביים דאָקטאָר פון קעל:
„דיפטעריע . . . אַרויס! מיר האָבן קיין פּלאַץ ניט!"
און פילט, ווי ער שטופּט אים צום טיר, איבער שוועל.

שטייט ער ביי גלעזערנער טיר, ווי פאַרגליווערט.
„מיר האָבן קיין פּלאַץ ניט!" — ער רירט נישט קיין גליד.
אַ קנאָכיקע פויסט נעמט קלעמען אין האַרצן.
אַ מעשוגענע בייזקייט צעשפּאַרט דאָס געמיט.

זיין פויסט, אַ געביילטע, טוט אַף טיר־שויב אַ שמעטער,
בריאַזגענדיק שפּליטערט זיך גלאָז אַף צעמענט.
און שמועל: אַ באַוואוסטלאָזער צעשטרעקט אַף די שפּליטער —
מיט בלוט פון פּראָטעסט אַף צעשונדענע הענט.

פערטער מערץ — הונגער־מאַרש

"No work — no rent!"
"No work — no rent!"

צעפּלאַקערטע קוילעס
און באַנערס אין הענט.
בלוטיקע פאָנען
אין שנייאיקער לופט —
עס כוואַליעט און זשומעט
און בראַנדיקט און רופט!
צעשרויפט זיינען גאַסן,
מיט מענטשן ברוקירט —
די הונגער אַרמיי
פון שיקאַגאָ מאַרשירט!
צעריסענע מאַנטלען,
קאַשקעטן צעדרייטע,
לאַטעס אַף לאַטעס —
קונציק פאַרנייטע.
פּענימער — הויט
אַף שפּיציקע ביינער!
פויסטן — גראָע,
צעשפּאָלטענע שטיינער!
עך, סאַראַ אָנבליק!
עי, סאַראַ פרייד!
דער „פאַרגעסענער מענטש" —
ווי מוטיק ער גייט!
דער „פאַרגעסענער מענטש" —
ווי מעכטיק ער שפּאַנט!

דאָס איז ער דער ב ו י ע ר
פון גאָלדענעם לאַנד!
עס הילכט זיין טראָט
ווי האַמערס אַף ניטן! —
ביסטרע שאָמרים,
באַוואָפנטע היטן . . .
אין וואַשינגטאָן היינט
איז אויך אַ פּאַראַד:
דאָרט שווערט מען היינט איין
דעם לאַנדס פּאָטענטאַט!
מען דאַרף בייטן די „האַנט"
און בייטן די רייד:
דער הערשער פון לאַנד
דערפילט און פאַרשטייט —
עס פּלאַצט אַ רינג נאָך אַ רינג
אין זיין קייט;
עס טרעשטשעט זיין ביניען
ווי אַ צעפוילטער פּאַרענטש —
איז צייט זיך „דערמאָנען"
אין „פאַרגעסענעם מענטש".
גרילצן היינט פּראַזן
אין לאַנדס קאַפּיטאָל —
רעוועט דורך שטאַטן
דעם הונגעריקנס קאָל.
רעוועט און מאָנט! —
פון פּאַכעד קיין שפּור. —

"Tax the rich —
And feed the poor!"
"Hoover's prosperity,
Roosevelt's beer —
We want cash relief!
That's why we are here!"

לאָזונגען — בייטשן!
לאָזונגען — וועלף!
עי, מאַגנאַט —
דיין זייגער שלאָגט צוועלף!

עד, סאַראַ אָנבליק!
עי, סאַראַ פרייד!
דער „פאַרגעסענער מענטש" —
ווי מעכטיק ער גייט! —
פענימער — הויט
אַף שפּיציקע ביינער!
פויסטן — גראָע,
צעשפּאָלטענע שטיינער!
בלוטיקע פאָנען
אין שנייאיקער לופט!
עס כוואַליעט און זשומעט
און בראַנדיקט און רופט!
עס ציטערט דער סוינע!
דער ציניקער שטומט!
דער „פאַרגעסענער מענטש" —
ער רירט זיך!
ער קומט!

ראַי, דער מולאַט

(באַלאַדע)

1

אין אַ פאָרשטאָט־גאַס אַ גראָער
האַלב צעפאַלן שטייט אַ הויז.
איינגעקלעמט צווישן הייזלעך
קוקט עס נעבעכדיק אַרויס.

ווי נעפּלדיקע, טויטע אויגן,
פאַרלאָשענע פון טויזנט מיען,
זיינען גרוי־פאַרהויכט די שויבן —
אָן אַ פינקלעו, אָן אַ טליען.

פון די ווענט עס שיילט זיך קאַלך־הויט,
סטאַרטשען געלע, רויע פלעקן,
ברעטער, סלופּעס האַלב־צעפוילטע,
גראָבע, זשאַווערדיקע טשוועקעס.

לאַנג איז דאָרט דאָס הויז געשטאַנען,
אָן אַ טוישעוו, פוסט, פאַרלאָזן —
ביז עס האָט אַ ווינט אַ קאַלטער
אין דער כורווע אַ „גאַסט" פאַרבלאָזן.

נישט קיין יאַכמן איז דער אוירעך,
און אַפילע נישט קיין יוירעד —
אַף אַ באַמוול־פעלד אַ הייסן
האָט זיין מאַמע אים געבוירן.

ניט קיין ווייסער, ניט קיין שוואַרצער —
האָט ער ניט געקענט זיין טאַטן.
ביי זיין נעגערישער מאַמען
ניט געהאַט אַ טאָג אַ זאַטן.

האָט דער ווינט אים דאָ פאַרבלאָזן —
ניט אַליין דער ווינט פון דרויסן —
נאָר דער ווינט, וואָס טרייבט די אַלע,
וואָס פון פעלד און שאָפ פאַרשטויסן.

ס'האָבן נעגערס אים געדולדעט —
ווייסע האָבן אים געטריבן!
איז דער ברוינער ראָי, אין האַרצן,
שטענדיק אָן אַ היים געבליבן.

פון איין פאַרם צו אַ צווייטער
זיך געשלייעט דורך די זומערס,
און אום ווינטער, אין דער גרויסשטאָט,
אַ פאַבריק־פּלאַץ וואו פאַרטומען.

און אַזוי האָט ראָי געלעבט זיך —
מער מיט האַריץ ווי מיט מויעך —
געלאָזן הינטער זיך די יאָרן,
איינגעהילט אין טיפן טרויער.

2

און אַ האַרבסט האָט זיך פאַרענדיקט.
ס'האָט אַ ווינטער אים געטריבן,
איבער פעלדער יאָגן ווינטן —
האָט זיך ראַי אין שטאָט פאַרקליבן.

נישט געווען קיין זאַטער זומער!
כאָטש די פעלדער פול מיט שעפע! —
און פאַר פאַרמערס יעדע זאַנג
נישט קיין בראָכע — אַ מאַגייפע!

מיט כוואַליעס אָנגעהויבן יעדער.
איינגעשרומפּן די האַכנאָסע.
פאַר די פאַרמהענט הוילער ביסן
איז געווען שוין אַ פאַרנאָסע.

צווישן פאַרמערס האָט געקאָכט זיך,
ס'האָט געזודערט און געזוירן!
לאַנגע, שווערע אַרבעט־יאָרן —
און אַף איינמאָל אַלץ פאַרלוירן!

ערד און שטיבער צוגענומען!
ס'העלפן נישט קיין שום טערוצים —
באַנקען לייען נישט קיין געלט! —
אַרט דאָס נישט די רייכע פּריצים . . .

ראַי האָט ווינציק־וואָס פאַרשטאַנען.
בלויז געפילט אַ שווערן אומעט;
און געפילט מיט אַנונג שווערער:
ס'וועלן טעג פון הונגער קומען.

3

האָט זיך ראַי אין שטאָט פאַרקליבן.
ס'זיינען פרעמד אים נישט די מויערן.
נאָר די שטאָט איז נישט די זעלבע!
און פאַבריקן — ווי פאַרפרוירן!

מעסט ער אויס די לענג פון גאַסן.
נישטערט ער אין פאָרשטעט אַלע.
און זיין גוף ווערט דינער, דינער,
און די באַקן איינגעפאַלן.

נישט קיין נעגער, נישט קיין ווייסער —
קען ער זיך קיין אָרט געפינען.
ס'זיינען פלאַפ־הייזער פאַרפולטע —
פון דער קעלט איז שווער אַנטרינען!

האָט אַ ווינט אַ קאַלטער איינמאָל
אין דער כורווע אים פאַרטראָגן —
הויזט ער דאָ דורך נעכט באַהאַלטן
און פאַרשווינדט אין די פאַרטאָגן.

אַ מולאַט, אַ ברוינער „בעסטערד" —
נאָר אַ שוואַרצע ברוסט געזויגן —
האָט די נעגער־גוטאָ ראַיען
מיט מאַגנעטן־קראַפט געצויגן . . .

האָט ער דאָרט אַ ווייב געפונען,
מיט אַ פּאָנים — שוואַרצער סאַמעט.
מיט צוויי בריסטן — הייסע פּענכערס;
בריסטן שוואַרץ, ווי ביי זיין מאַמען.

אַ געגאַנוועט שטיקל ליבע —
ס'האָט געדריקט אַף ראָים געוויסן!
נאָר ס'האָט מאַרדזש געהאַט, כוץ ליבע,
אויך פאַר אים אַ הייסן ביסן.

און קיין אַרבעט איז נישטאָ נאָך.
און עס שלעפּן זיך די וואָכן!
דורך די טעג — אַף קאַלטע גאַסן,
ווי אַ מויז — באַנאַכט פאַרקראָכן.

איז אַ שאָ אין מאַרדזשיס צימער
ווערט אַ טאָג אַף קאַלטע גאַסן;
כוץ אַ ביסן און כוץ ליבע —
לערנט מאַרדזשע אים אויך האַסן.

4

מאַרדזשיס מאַן הייסט טאַם דער שיקער.
וואַלגערט ער זיך ביי די שוועלן
פון די גראָע „מונשיין"־קעלערס,
מיט אַ בעווּרע טרינק־געזעלן.

איז קיין גרינגס נישט מאַרדזשיס לעבן,
האָט אין גאָט שוין אויך קיין גלויבן —
נאָר אַפילע איר מאַן, דער שיקער,
קען איר לעבנס־דראַנג נישט רויבן.

ברעכט ער אָן איר אָפט די ביינער;
שלאָגט זי קריק מיט האַרטע פינגער.
שלאָגט און פילט: ער איז נישט שולדיק —
ס'האָט די סוויווע אים באַצוואונגען.

געווען אַ צייט ווען זי פֿלעגט זונטיק
גיין אין קירך דעם „פּריטשער״ הערן.
די האָר זיך דאָרט, די הויט געריסן
און פֿאַרגאָסן הייסע טרערן.

איצט האָט זי דערפֿילט אַן עמעס,
וואָס האָט יעזוסעס ליכט פֿאַרלאָשן —
נישט זי ברענגט אים מער איר טפֿילע,
נישט דער קירך איר לעצטן גראָשן.

ס'האָבן לערער נישט, נישט ביכער
מאַרדזשען אויפֿגעמאַכט די אויגן;
נאָר מיט רייד מיט פּראָסטע, שטילע
האָט אַ שכײנע זי דערצויגן.

נאָך נישט אַלץ האָט מאַרדזש באַנומען.
נאָר זי טיילט שוין וועלט אין קלאַסן!
גיט זי ראָיען נישט נאָר ליבשאַפֿט,
נאָר זי לערנט אים אויך האַסן.

5

שאַרפֿן זיך ביי ראָיען קושיות;
הויבט ער אָן פֿאַרשטיין און קלערן;
קומט אין אַרבעטלאָזן קאָונסיל;
גייט צו מיטינגס אַף דיסקווערן.

איצט איז שטאָט שוין מער קיין מידבער.
הייסע ווערטער ריידן גאַסן.
סיי אין האַרצן, סיי אין מויעד
נעמט ביי ראָיען עפּעס וואַקסן.

ס'נאָגט נאָך אָפּט און קנייפּט דער הונגער;
נאָר נישט מער אין קויט און זשאַווער.
איצט בייט ראָי שוין אָפּט זיין דירע —
שלאָפט ביי דעם און יענעם כאַווער.

ווי באַרוישט פון וויין פון שווערן,
ראָי הויבט אָן די טעג פאַרשלינגען.
ס'איז פאַראַן אַ זין אין לעבן!"
ס'נעמט אַ פרייד אין האַרצן זינגען.

דאַרף מען הענט און דאַרף מען אַרבעט—
ראָי איז גרייט מיט יעדן אייזווער!
ס'איז צו קליין פאַר אים דער טאָג שוין,
און צו שנעל פאַר אים דער זייגער!

און אַפילע מאַרדזש, די שטילע,
מיט די פולע פענכער־בריסטן,
לאַכט און פרייט זיך מיט זיין אַרבעט,
מיט זיין הייסן דאָרשט נאָך וויסן.

און אין לאַנד די נויט וואַקסט העכער!
אין די קאונסילס דאַרף מען פירער.
— איבער שליאַכן פון די שטאַטן —
האָרדעס הונגעריקע מאַרשירער.

צווישן זיי אויך ראָי דער ברוינער,
זיין באַוואוסטזיין אויסגעוואַקסן.
אַ קאַפּיטאַן שוין פון אַ גרופּע —
רעדט ער ווערטער — הייסע שלאַקסן!

מיט אַקשאָנעסדיקן קויעד
ראָי האָט אָנגעשפּאַנט זיין ווילן
און געשעפּט פון רויטע קוואַלן —
נישט געקענט זיין דאָרשט פאַרשטילן.

דאָ האָט ראָי זיין אָרט געפונען.
קיינער וועט אים דאָ פאַרשטויסן!
וועט ער מיט די הונגער־האָרדעס
גיין שוין ביז דעם טאָג דעם גרויסן.

דער גייסט פון סיימאָן לעגרי

1

פּעטליעס !
פּעטליעס ! !
פּעטליעס ! ! !

אין יעדן פּעטליע־קלאַמער —
לעצטער גלידער־קראַמף
פון אַ געהאַנגענעם גוף!
אין יעדן פּעטליע־קלאַמער —
אַ דערשטיקטער הונגער־רוף!
דער שוואַרצער בעלט,
דער דאָרעם פון די שטאַטן,
איז שוואַרץ
פון ווייסן הערשערס טאַטן!
איז רויט
פון שייטערהויפן־גלוט!
איז רויט —
רויט פון נעגער־בלוט!

פּעטליעס !
פּעטליעס ! !
פּעטליעס ! ! !

נישט מער
אין שאָטן־טאַנץ פון פאַקלשיין;
נישט מער
אין איינזאַמקייט פון טיפן וואַלד.

אָפּן און פריי,
גאַיוועדיק־דרייסט
הוליעט,
יושעט
דער לינטש־מאָרד גייסט!

פאַלן טפיסע־טירן;
טרעשטשען אייזן־גראַטעס, —
וואַנזין איז דער טאַליען:
ציטערט, שוואַרצע כאַטעס!

פּעטליעס !
פּעטליעס ! !
פּעטליעס ! ! !

און בלאַנקע אויגנווייסלעך
אין טויט־שרעק אויפגעפּראַלט:
אין יעדן פּעטליע־קלאַמער —
אַ שוואַרצע ברודער־געשטאַלט!
אין יעדעם וואָרט פון ווייסן,
און יעדן ווייסנס בליק —
דאַכט זיך, איז אַ פּאַסטקע;
פאַר שוואַרצן מענטש אַ שטריק.

2

אין קייטן געקאָוועט; אין אייזערנע שטייגן,
ווי כאַיעס, געכאַפּטע פון יעגערס,
האָבן הערשער־פּיראַטן פון דזשאַנגלס געבראַכט
די ווילדע שוואַרצהויטיקע נעגערס.

געגאַרט נאָך באַהעפטונג מיט הענט און מיט אַקער
האָבן אין זוניקן דאָרעם די פּלויגען;
האָט ווייסער פּלאַנטאַטאָר, פאַרכאַפּער פון נײַ־ערד,
געוואָלט אַז „זײַן מי" זאָל אים לוינען.

האָט ער געבראַכט זיי פון דזשאַנגל, די שוואַרצע,
און, ווי אָקסן, אין יאָך זיי געשפּאַנט.
זיי געלערנט — מיט ביקס און מיט בײַטשן —
געהאָרכן אַף זשעסט פון זײַן האַנט.

און געלערנט זיי יעזוסעס לערע;
געלערנט, אַז גאָט איז גערעכט:
ס'איז באַשערט זיי, די קינדער די שוואַרצע,
בײַ ווײַסע פּלאַנטאַטאָרס זײַן קנעכט:

— אַפילע גאָטס זון, דער דערלייזער,
האָט געטראָגן פון דערנער אַ קרוין.
ניגער, אַ שקלאַף זיי בײַם לעבן;
מיינט אַף יענער וועלט — הימלישער לוין.

נאָר זעט מען די ווײַסע באַקערער
אַרום שייטערס — טאַנצן, שינדן צעסמאַליעטע הויטן, —
בריט דער געדאַנק: קאַניבאַלן פון דזשאַנגל
דאַרפן לערנען בײַ זיי ווי צו טויטן.

3

פּעטליעס!

שייטערס

און פּעטליעס!!

— ניגער! אַרונטער דעם בליק!
אַ פרוי גייט פון ווייטן, אַ ווייסע:
אַ קוק —
און עס וואַרגט דיך אַ שטריק!

ס'האָט נעכטן געברענט ערשט דיין ברודער
ווילקינס, דער שלאַנקער שוואַרצער,
פאַר שמייכלען אַ גרוס צו אַ ליידי
ביים עפענען די טיר צו איר קאַר.

מיט שטריק צו אַ צעדער געבונדן,
אַרום אים אַ צעוושעטער קרייז,
איז אין טראַשטש פון שייטער־פלאַמען
פאַרקלונגען זיין לעצטער: „אָ, קראַיסט . . ."

אַזוי מיט בלוטיקע טאַטן,
באַלוינט מען דאָ נעגערשע מי.
ס'איז זוניקער דאָרעם פון שטאַטן —
און גייסט פון סיימאָן לעגרי!

4

איז ווער רופט זיך אָן?
ווער זאָגט אַ וואָרט?
וואַנזין איז דער טאַליען;
געזעץ לייזט אוים דעם מאָרד!
וואַנזין איז דער טאַליען!
שווייגט געזעץ — ס'איז גוט:
זשאַרען צאָרן־פונקען —
לעש זיי אוים מיט בלוט!
זאָל האַמוין זיך קוויקן;
זאָל ער יושען פריי!
טייל — אַף שוואַרץ און ווייס,
טייל! עס איז איז קעדאַי . . .

זאָל האַמוין זיך קוויקן —
האַמוין, וואָס איז נאָך בלינד.
ווער־זשע שטעלט זיך געגן?
ווער־זשע קעמפט אַצינד?
געגן שייטער־פלאַמען,
געגן טליע־שטריק
איין־איינציק ערלעך קאָל —
קאָל פון באָלשעוויק!

אַ מיטאָג־שאָ אין פּאַר־מאַרקעט ..

אַ וואָכעדיקע מיטאָג־שאָ
און וואָכעדיקע מענטשן דאָ.
ווער עס קומט פון שאַפּ אַרויס —
ווער עס קוקט מיט קינע צו —
נאָר עס מישט די בירזשע אויס
אַלע אין דער מיטאָג־שאָ.

יעדנס אויגן זוכן, שפּירן —
און דער מאַרקעט
רוישט און קאָכט
צו די גרופּקעס, צו די רעדלעך
מיט אַן אויער — האָרך:

— נו, וואָס מאַכט מען?
— נו, וואָס הערט זיך?
— עט, מען פּורקעט.
— אָט, מען האַקט.
— נישט געמאַכט דאָס יאָר אַ סענט נאָך.
— סעי, אַ סטרייק ביי אונז.
עס קנאַקט.

וואָכעדיקע רייד פון פּאָריער,
בעאיים מען מעסט די צוויי־דריי בלאָק;
אָט־אַזוי די מיטאָג־שאָען
אַף דער בירזשע יעדן טאָג.

בין איך היינט אַזוי געשטאַנען
אַף דער בירזשע ביי אַ ראָג.
מיטאָג־שאָ מיט רייד און טומל,
מיטאָג־שאָ — ווי יעדן טאָג.
און אַף איינאָמל —
ווי אַ כוואַליע —
ס׳טוט די בירזשע זיך אַ הויב
און עס טראָגט מיך שוין דער ווירבל,
ווי דער ווינט אַ ברעקל שטויב.
ס׳איז אַ פרילינגדיקער באַרג־שטראָם,
ווייסע פענימער דער שוים;
און איך אויך אַ הייסער טראָפּן
אין צעברויזטן שטראָם — האַמוין.

נישט דער פירער איז געקומען. —
פון פאַררעטער אַן אַגענט! —
מיט אַ פּאָליצייסקער סוויטע
און מיט בלעטלעך סאַם אין הענט...
דאַווקע נישט קיין „גאַסט" ביי פאָריער,
אויך זיין אָפּשטאַם קען מען גוט.
און די בלעטלעך — זיין מאַטאָנע —
ווייס מען — מאָנען בלוט.
בלוט וואָס האָט זיך לאַנג געגאָסן,
בלוט וואָס גיסט זיך נאָך.
לאַנגערס בלוט! און בלוט באַלעראָס,
און וויפיל נאָך און נאָך...

האָט די בירזשע אים אויפגענומען.
ווי' זען נעמט מען אַזוי אויף!
שוועך אַ גרוס אַזאַ פּאַרטראָגן . . .
און דער „אוירעך" — לויף!
ברענען אויגן, האַס־פּאַרלאָפן;
קוילען — בייזער דונער־ברומען:
— סקעב!
— פאַררעטער!
— נישט געטראָפן!
— מערדער!
— בלוטהונט, וואַגסט נאָך קומען!
וואַקסן פויסטן.
בליצן ציינער.
און די טויזנטער — ווי איינער!

וואָכעדיקע, פּראָסטע מענטשן.
אַ וואָכעדיקע מיטאָג־שאָ.
נאָר אויב נויט קאָן עפּעס לערנען —
לערנט זי עס דאָ.
כ'קען זיי לאַנג דאָך שוין
די מענטשן
פון די שעפּער,
פון די ראָגן.
יעדער האָט זיין בינטל צאָרעס,
יעדן האָט די צייט געשלאָגן.

שוין צופיל פון סאַם געטרונקען.
איצטער — סטאָפּ! גענוג!
און די וואָכעדיקע בירזשע —
ענדלעך ווערט זי קלוג.

דייטשלאַנד

"Es braust ein Ruf, wie Donnerhall,
Wie Schwertgeklirr und Wogenprall..."

יאָ, כוואַליע־רויש פון אונזער בלוט!
יאָ, שווערדן־קלאַנג אין אונזער גוף!
ס'טראָגט זיך איבער דייטשן לאַנד
דער ברוינער טויט
מיט מערדער־רוף:
„טרייב די יודען!"
„קאָמוניסטן — טויט!"
„דייטשלאַנד איבער אַלעס!"
„נידער מיט רויט!"
„דייטשלאַנד ערוואַכע!"
„היטלער — האַיל!"
לעצטע האָפנונג פון בורזשוי!
לעצטער בלוטיקער זייל!
געפּלאַסטערט דעם וועג האָט
צווייטער אינטערנאַציאָנאַל —
שפּילט היטלער איצט
דעם בלוטיקן פינאַל!
געפלאָכטן, געוויקלט
די קייט פון פאַרראַט
און דאָס לעצטע וואָרט געגעבן
דעם יונקער און מאַגנאַט.

Es braust ein Ruf, wie Donnerhall...”

דער לעצטער רוף פון קאַפּיטאַל.
דער לעצטער פּרוף.
דער לעצטער שוואונג.
דער לעצטער קלונג
— פון פאַרבלוטיקטע שפּאָרן
דער פּרינץ איז אין בערלין!
ס'פּאַרלאָזט דער קייזער דאָרן . . .
ס'האָט הינדענבורג אים טריי געדינט;
מיט גוטע הילפס־געזעלן
דאַרף היטלערס ברוינע מערדער־האַנט
דעם טראָן
איצט פאַרטיק שטעלן!

רינט בלוט פון איד
און קאָמוניסט!
דראָט ברוינער טויט
דעם ליבעראַל!
ליגט די שווערע מערדער־האַנט
אויף מויל פון אינטעלעקטואַל!

— און די וועלט זעט צו
און שאַ!
— און די הערשער העלפן מיט
— שטיל, געלאַסן און מיט טאַקט
נאָר מיט היטלערן אין שריט!
אַלץ אין נאָמען פון „קולטור”.
— „פאַר „ציוויליזאַציאָן!
אויסראָטן יעטוועדע שפּור
— פון מאַרקסיזם
פאַרן טראָן!

אָפּיצערן,
שטייפע יונקערס;
הענדלער, שוואַרצע קונקל־מונקלערס;
אונטערוועלט און דיפּלאָמאַטן —
אַלע זיינען דאָרט פאַרטראָטן!
און די ווערטער פליען
און די פראַזן רוישן —
און דער דייטשער מיכל
לאָזט זיך שנעל באַרוישן.

יאָגט דער ברוינער טויט —
מאָרד־געצייג אין האַנט! —
„דייטשלאַנד איבער אַלעס!"
„האָך דאָס פאָטערלאַנד!"

און דער רויטער ריז —
דער רויטער דייטשער ריז! —
מיט אויגן פאַרלאָפענע פון צאָרן,
מיט מוסקלען וואָס צוקן און ברענען —
ער טרעט נישט אָפּ פון זיין וועג —
דעם וועג פון מאַרקס און לענין.
פאַרבט זיין בלוט
די דייטשע וועגן —
לויכט זיין שפּור אַלץ ברייטער,
העלער!
פון ריזקסטע פאַבריקן,
זי לויכט ביז טיפסטן קעלער! —

„דייטשלאַנד ערוואַכע!"
„היטלער — האַיל!" —
לעצטע האָפנונג פון בורזשוי!
לעצטער בלוטיקער זייל!
און ברויזט אַצינד דורך דייטשן לאַנד
דער ברוינער טויט
מיט רוף צו מאָרד —
דאַרף דער דייטשער רויטער ריז
ריידן ערשט
דאָס לעצטע וואָרט!
דאַרף דער דייטשער,
רויטער ריז
צעשווינגען ערשט זיין הייסע פויסט!
שטעל אָן דיין אויער, אַלטע וועלט!
דייטשלאַנד
קליגט דיין גסיסע אויס!

פרילינג אונטער דער בריק

אונטער אַ בריק.
אונטער אַ בריק.
אונטער אַ שטאָטישער,
שטיינערנער בריק —
אויבן די טראַמען —
אַהין און צוריק.
רעדער אַף רעלסן —
קליק, קליק, קליק.
אַהין און צוריק.
אַהין און צוריק. —

און אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק —
מענטשן
מיט אָדערן — טרוקענע שטריק.
מענטשן
אונטער דער בריק!

יעדן אַן אָפּטייל,
יעדן אַ שטיק
פינצטערן ביילעך
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.

גערלאַטעטע טירן, —
אַף לופטיקע שוועלן —
קוימענס, געשטיקלט פון ראָסטיקן בלעך,
זשיפּען מיט בלאָס־בלאָען,
גויסעסן דעך;
שטעקן די רויכיקע צונגען אַרויס —
אויס — אויס — !
מיר לעשן זיך דאָ אויס, —
ווי לעצטער זייגער־טיק —
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק.

אונטער דער בריק!
און אויבן —
די טראַמען
אַהין און צוריק.
אַהין און צוריק.
רעדער אַף רעלסן —
קליק, קליק, קליק.
אַהין און צוריק:
אַוטאָס און פורן
מיט סכוירעס געפּאַקט! —
און אונטן:
אַ פרילינג־צעפּאַרעטער טראַקט.
און אונטן —
בערגלעך, הורבעס מיסט
האָבן ליכטיקן פרילינג
מיט אַוער באַגריסט;

האָבן פֿאַרהויבן די פּאָלעס
פֿון שניי און פֿון פֿראָסט —
און באַהאַלטענע רייכעס
אַף ווינטן צעלאָזט;
אַף וואַרעמע כוואַליעס
דעם איפּעש צעשיקט —
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק.

אונטער דער בריק!
און ווייטער —
דעכער און הייזער
אין שלייערס פֿון רויך.
הימל־קראַצער
אין לופֿטיקן הויך.
קופּאָלן, וואָס בליצן,
ווי גאָלדענער שטויב —
ליכטיקע איידעס
פֿון מאָרד און פֿון רויב!
ליכטיקע איידעס
פֿון געגאַנוועטן גליק,
ביי די,
וואָס הויזן דאָרט
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק.

ס'איז פרילינג!
ס'איז פרילינג!
ס'איז זיס און ס'איז גוט!
אַ בענקשאַפט,
אַן אומרו,
אַ ברויזן אין בלוט.
עס וועקט זיך דער מענטש
און עס וועקט זיך די ערד.
קנאָספּן און גראָזן —
עס וואַקסט און עס ווערט!
די זון האָט פאַר אַלע
אַ שמייכל, אַ בליק —
נאָר נישט פאַר די מענטשן
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק:

יעדן אַן אָפּטייל,
יעדן אַ שטיק
פינצטערן ביילעק
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.

אונטער דער בריק!
און אויבן —
מען הערט נישט
פון רעדער אַף רעלסן דעם קליק!
עס לויפן די טראַמען נישט
הין און צוריק!

נאָר עפּעס דאָרט אויבן —
אַ קראַך נאָך אַ קראַך,
ווי טויזנטער האַמער־קלעפּ אַף אַ דאַך;
ווי טויזנטער פיס
אין ברויזיקן טאַקט!
און מענטשן פון לעכער —
אַרויס אַפן טראַקט!
און מענטשן
מיט אָדערן — טרוקענע שטריק, —
קוקן אַרויף,
אַרויף אַף דער בריק:
פאָנען און קעפּ
און שטורמישע לידער;
מען ווינקט און מען רופט:
אַ ר ו י ף צ ו א ו נ ז,
ב ר י ד ע ר !

ס'איז פרילינג!
ס'איז פרילינג
און שוימיק דאָס בלוט!
אַראָפּ פון די טראַקטן!
אַוועק פונם ברוד!
ארויס פון די לעכער!
אַריוף אַף דער בריק!
און קיינמאָל שוין מער נישט
אַרונטער צוריק!

און קיינמאָל
שוין מער נישט געבויט זיך אַ שטוב —
אונטערן לעבן —
אַ פינצטערן גרוב.
קיינמאָל שוין מער נישט
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק —
קיינמאָל
שוין מער נישט,
ק י י נ מ אָ ל צ ו ר י ק!!

אינהאַלט:

שער־בלאַט — יאָסל קאָטלער
ס'איז די בענקשאַפט געשטאָרבן 3
אַ נאַכט אַזאַ 5
אַמאָל און היינט 7
ווייזערם 9
גרייט 10
צו אַ סאָפּיסט 11
פרימאָרגן אין סאָבוויי 12
נאָוועמבער 13
הימלאָזע קינדער 15
אווראָם רייזען 17
פּאַרטאָגיק געוויטער 18
דזשעני 21
סאָליטאַן 23
אַ טאָג 27
אין יענער צייט 28
דעפּאָרטירטע 32
די וואָר 34
וועגליד 35
די בלינדע 36
גרויסשטאָט 37
אונזער קלאַס 41
ערשטע אָסיען־רעגנס 43
האַרבסט 45

וואנדערנדיק 47
פארמהאנט אָ׳מעילי 48
ליד פון אן אלטן אָפּערייטאָר 58
מיר וועלן דערפירן די שלאכט צום פינאל 60
ניט לאנג שוין 65
אונזער הארמאט 65
ס׳ריידן פארבלענדטע 66
ס׳זיינען שארף שוין די מעסערס 68
פאָריער ביי דער ארבעט 70
ערשטער מאי 72
מוישע נאדיר 75
מאטראָסן 77
ס׳לעבן אין קאָן 78
לינטש־פּראָצעדור 81
וואָלט גוט געווען 83
זומער אין מארקעט 84
דער שטורעם איז נאָענט 87
ביינאכטיקער שפאציר 89
לענין 97
שיקאגאָ 99
וויסן זאָל די וועלט 104
א געשפרעך 106
באווייז זיי ווער דו ביסט! 109
שים! 112
זומער 114

ביים מאַשין 116
געפונען דעם וועג 119
בורזשואַזע סאַמאַריטאַנער 124
פערטער מערץ — הונגער מאַרש 127
ראָי, דער מולאַט 130
דער גייסט פון סיימאָן לעברי 138
אַ מיטאָג־שאָ אין פּאַר־מאַרקעט 143
דייטשלאַנד 146
פרילינג אונטער דער בריק 150